# אין ליכט פון תורה

## ספר

# נַחֲלַת יַעֲקֹב

אִין דֶעם סֵפֶר וֶוערְט גִיבְּרֶענְגְט פִּין
הֵיילִיגִי סְפָרִים זֵייעֶר וָואנְדֶערְלִיסֶע
זַאכְין וָוס וֶועט זיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט
קִימִין אִין וְויא גוּט עֶס וֶועט דַאמָאלְט
זַיין פַאר יוּדֶעשִׁי קִינְדֶער אויך שְׁטֵייט
אִין דֶעם סֵפֶר וְויא גְרוֹיס דֶער כּוֹחַ
אִין שְׂכַר אִיז פִּין אֱמוּנָה אִין בִּטָחוֹן דָם
דוּרְךְ דֶעם בִּטָחוֹן קָאן אַמֶענְש זוֹכֶה
זַיין צִי דֶער גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה
בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

הוצאת „אמונה פּאַבלישינג"
142 RODNEY STREET
BROOKLYN, N. Y. 11211

24

# הקדמה

די הייליגע ספרים שרייבן אז אין משיח׳ס צייטן וועט מען פריווען יודעשי קינדער אויב זייא זענין פעסט אין דער אמונה איבער דעם גייען ליידיר דורך אויף יעדין יוד זייער פיל צער מיט נסיונות אין ווער עס וויל זוכה זיין צו דעם ליכטיגקייט פין דער גאולה דער מוז זיך זייער שטארקין זיין הארץ אין זאל זיך נישט לאזין פאלין חלילה פין דער הייליגער אמונה איז דא אין דעם ספר ווערט גיברינגט פיעל זאכין פין דער גאולה אין פין אמונה אין בטחון אין וויא זוי איוד זאל זיך שטארקין זיין הארץ אין דיא אלי זאכין זענין גייטיג צו וויסין פאר יעדען יוד אויך וועט דער לעזיר דא געפינין זייער שיינע משלים אונד ווינדערליכע ערצעהלונגען הייליגע צדקים אויך איז נייטיג אז יעדער יוד זאל געבין דס ספר צו לעזין פאר זיינע קינדער דען דא שטייט דיא אויפ פירונגען פין איודעשער טאכטער פין בושה אין צניעות אין דעס זכות פין צניעיות אין פין אמונה אין בטחון וועלין מיר זוכה זיין צו דער גאולה שלמה אמן

כל מקום שנזכר בספר זה שם גוי או נכרי, מוסב על עובדי אלילים אשר היו לפנים, לא ידעו מאחדות הבורא ית״ש, לא העמים אשר אנו חוסים בצלם, מאמינים בה׳ ית׳, אנו מחויבים להתפלל בשלומם וטובם.

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

# פרק א׳

אונזערע הייליגע חכמים זאגין אין דער (פסיקתא)׳ אין דער צייט וואס דער אייבערשטער וועט אויס לייזין דיא יודען פין גלות׳ דריי טאג איידער משיח וועט קימען׳ וועט אליהו הנביא ז״ל קימען׳ אין וועט זיך שטעלין אויף דיא יודישע בערג אין ארץ ישראל׳ אין וועט וויינין אין קלאגין אויף זייא׳ אין ער וועט צו זייא זאגין׳ יודישע בערג וויא לאנג נאך וועט איר שטיין אין דער פינסטער׳ אין וויסט׳ אין זיין קול וועט זיך הערין פין איין עק וועלט ביז אין אנדערין עק וועלט׳ אין נאך דעם וועט ער זאגין צי דיא בערג׳ עס איז געקימען פרידען אויף דער וועלט׳ אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (ישעי׳ נ״ב) וויא שיין וועלין זיין אויף דיא בערג׳ דיא פיס פין דעם בשורה זאגער׳ וואס וועט מאכין הערין דעם פרידען׳ אין וועט זאגין גוטע בשורות׳ אין ער וועט מאכין הערין דיא ישועה׳ ער וועט זאגין פאר ציון דיין גאט וועט קעניגען׳ אין וויא דיא רשעים וועלין הערין׳ וועלין זייא זיך פרייען׳ אין וועלין זאגין איינער צום אנדערען׳ עס איז אונז געקימען דער פרידען׳ דעם צווייטין טאג וועט אליהו הנביא ז״ל קימען׳ אין וועט זיך שטעלין אויף דיא יודישע בערג׳ אין וועט זאגין עס איז געקימען גוטס אויף דער וועלט׳ אין דעם דריטען טאג וועט אליהו הנביא ז״ל קימען׳ אין וועט זיך שטעלין אויף דיא יודישע בערג׳ אין וועט זאגין עס איז געקימען דיא ישועה אויף דער וועלט׳ אין וויא ער

וועט הערין דאס דיא רשעים זאגין אזוי, וועט ער זאגין פאר ציון, דיין גאט וועט קעניגען. שטייא אויף ירושלים, אין טו לאכטין דען דיין ליכט איזט שאן געקימען וכו'.

אויך לערנין מיר דארט, ווען השי"ת האט באשאפין דיא וועלט, אין האט באשאפין דס ליכטיגקייט, אין האט גיזעהן אז דס איז גוט, הט ער געקיקט אויף דעם דור פין משיח-ן, אין און זייגע מעשים, הט ער באהאלטין דס ליכטיגקייט אינטער זיין כסא הכבוד, פאר משיח-ן אין פאר זיין דור. הט דער שטן גיזאגט פארין אייבערשטין, פאר וועמין האסטו באהאלטין דס ליכטיגקייט אינטער דיין כסא הכבוד. הט דער אייבערשטער געענפערט, דס איז פאר דעם. וואס איז דיך אן גיברייט צי פארשעמען מיט גרויס בושה, האט דער שטן גיזאגט, רבונו של עולם, וויז מיר עהם, האט השי"ת גיזאגט, קים וועל איך אים דיר ווייזען. וויא באלד ער האט אים גיזען, איז ער דערציטערט געווארין, אין גיפאלין אויף זיין פנים. אין זאגט, געוויס איז דס משיח. וואס איז אן גיברייט מיך מיט דעם עמלק צי מאכין פאלין אין גיהנום, וויא עס שטייט אין פסוק (ישעי' כ"ה), דאס דער טוט וועט ווערין אנגעשלינגען אויף אייביג. אין השי"ת וועט אפ מעקין דיא טרערין פין יעדען פנים, אין דער צייט האבין דיא עמלקים גיציטערט, אין האבין גיזאגט, רבונו של עולם, ווער איז דער ווס אונז פאל מיר אין זייגע הענד, ווס איז זיין נאמין, זאגט גאט ב"ה, אפרים משיח צדקי, איז

זיין נאמען, אין ער וועט אויף הייבן זיין הייעך, אין דיא הייעך פין זיין דור, אין וועט דער לייכטין דיא אויגין פין דיא יודען, אין וועט העלפין זיין פאלק, אין קיין שום פאלק אין שפראכע, וועט קאנען קעגין אים באשטיין וכו׳.

# פרק ב׳

האט רבי יצחק גיזאגט, אין דעם יאר וואס דער מלך המשיח וועט אנפלעקט ווערין, וועלין זיך אלע קעניגען פין דיא פעלקער, פין דער וועלט, רייצען אין מלחמה האלטין, איינער מיט דעם אנדערין, אין דער מלך פרס, וועט חרוב מאכין דיא גאנצי וועלט, אין אלע פעלקער פין דער וועלט וועלין ציטערין, אין דער שרעקין, אין וועלן פאלין אויף זייער פנים, אין עס וועט זייא אן חאפין ווייען, וויא דיא ווייטאג פין איין געווינירען. אויך דיא יודען וועלין ציטירין אין זיך שרעקין, אין וועלין זאגין, וויא זאל מיר גיין אין וויא זאל מיר קימען, וועט ער צי זייא זאגין, מיינע קינדער, דעס אליס וואס איך האב גיטון, האב איך נאר גיטון, וועגין אייך, פאר וואס פארכט איר אייך, פארכט אייך נישט, עס איז גיקימען דיא צייט פין אייער אויסלייזין. אין נישט וויא דיא ערשטע גאולה, וועט זיין דיא לעצטע גאולה, דען ביא דער ערשטער גאולה, האט איהר נאך גיהאט צער, אין אינטער טעניגקייט, אבער בא דער לעצטיר גאולה, וועט איר שאין נישט האבין מער קיין צער, אין קיין אינטער טעניגקייט. ישעיה הנביא האט גזאגט, אין פסוק פתחו שערים ויבא

גוי צדיק שומר אמונים, דאס איז טייטש, עפינט דיא טויערין פון ירושלים, אין לאז אריין קימען אין איר. דאס גירעכטי פאלק ישראל׳ וואס האט גיוואורט׳ אין גיהאפט׳ אין גלות פיל צייטען, צי דער אמונה פין אייבערשטין׳ דס ער וועט מקיים זיין וואס ער האט זייא צי גיזאגט׳ דורך זיינע היילגע נביאים׳ דס ער וועט זייא אויס לייזען פין דעם גלות. ווידער זאגט דער נביא (יצר סמוך תציר שלו׳ שלו׳ כי בך בטוח) דאס בעט ישעיה׳ הנביא צי גאט, אין זאגט די מחשבות פין יודען, וואס האבען זיך פארלאזט אין פארזיכערט, אויף דיר׳ אין זיך ניכט אוועק גיקערט פין דיין אמונה. פין וועגען קיין שום יסורים וואס מען האט זייא גיפייניגט, אין וועגין קיין שום פארכט וואס מען האט זייא דערשראקען׳ זייערע געדאנקען זאלסטי היטען זייא זאלען האבען שלום. ווען אין דיר האבין זייא זיך פארזיכערט. נאך דעם זאגט דער היילגער נביא צי די יודען (בטחו בד׳ עדי עד כי בי׳ ד׳ צור עולמים) דס איז טייטש׳ פארזיכערט אייך אין היילגען באשעפיר ביז אייביג, דען ער איז איין פארכטיגער גאט. ער איז איין שטיין וואס מען קען זיך אינטער אים באשיצען.

# פרק ג׳

פין דא לערנין מיר. וויא גרויס דער שכר פין דער היילגער אמונה איז. דען אין דעם זכות וואס יודען ליידען אין גלות די שווערע ביטערע יסורים. אין צרות. אין זייא נעמען אן. פארליב. אין גלייבען. אז די אלע יסורים זענין זייא

אַטוֹבָה. חָאטְש זֵייא פַארְשְטֶען נִישְט דָס מִיט דֶעם מֶענְשְלִיכֶען שֵׂכֶל פָּארְט שְטַארְקֶען זֵייא זֵייעֶר הַארְץ. מִיט בִּטָחוֹן אוֹיף דֶעם הַיילִיגֶען בּוֹרֵא. דֶעם זְכוּת לֵייגְט דֶער נָבִיא פָאר. פַאר הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ. דָס עֶר זָאל זַייא אִין דֶעם זְכוּת אוֹיס לֵייזֶען. אִיבֶּערְהוֹיפְּט הַיינְטִיגֶע צַייטֶען וָוס דָס הֵיילִיגֶע יוּדֶעשֶׁער פָאלְק. אִיז גֶעבִּיךְ פַארְשְפְּרֵייט אִין צִי וָוארְפֶען. אוֹיף אַלֶע פִיר עֶקֶען פִין דֶער וֶועלְט. אִין שְׁרֵייעֶן אִין וֵוינֶען אוֹיף זֵייעֶר בִּיטֶערִין צַעַר. אִין יְסוּרִים. וָוס מֶען הַרְגֶעת אִין שְׁלָאגְט זֵייא. אִין מֶען פַּאנִיגְט זֵייא. אִין מֶען פַאר בִּיטֶערְט זֵייעֶר לֶעבֶּען. דֶען עֶס זֶענִין פַאר הָאנְדֶען פֶעלְקֶער וָוס לָאזֶען נִיכְט אַמָאהל דֶעם נָאמֶען יוּד אַרִים טְרָאגִין. אִיבֶער דֶעם אִיז אֵיין רַאטְהֶ. אַז יֶעדֶער יוּד וָוס וִויל רַאטֶעוֶועֶן זֵיין לֶעבֶּען. אוֹיף דֶער וֶועלְט. אִין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. אִין עֶר וִויל עֶר זָאל קָאנֶען אוֹיס הַאלְטִין דֶעם גָלוּת. אִין דִי נִסְיוֹנוֹת וָוס גֶעהֶן אַרִיבֶּער. אִין עֶר וִויל זוֹכֶה זֵיין צִי דֶעם לִיכְטִיגְקֵייט פִין מָשִׁיחַ־ן. דֶער זָאל זִיךְ נִישְט לָאזֶען פַארְנַארֶען. פִין דֶעם יֵצֶר הָרַע. וָוס זַיין גַאנְצֶע אַרְבֵּייט אִיז נָאר עֶר זָאל קַאלְט מַאכֶען יוּדֶעשֶׁע קִינְדֶער. פִין דֶער אֱמוּנָה ח״ו. אִין אַפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְשׁ הַאלְט נֶעבִּיךְ בַּייא דֶער לֶעצְטֶער מִינִיט. אִין דִי גִידַאנְקֶען זֶענֶען נֶעבִּיךְ צִי מִישְט. טוֹט עֶר אוֹיךְ שְטֶערְבֶּען. עֶר זָאל דֶעם מֶענְשׁ אַרָאבּ פִירֶען פִין דֶער אֱמוּנָה. אִיבֶער דֶעם שְׁרֵייבֶּען דִי סְפָרִים. דָס אַמֶענְשׁ זָאל אוֹיף דֶעם בֶּעטֶען הַשי״ת. דָס דֶער יֵצֶר הָרַע זָאל אִים נִישְט קֶענֶען חָלִילָה אַרָאפּ פִירֶען פִין דֶעם

רֶעכְטִיז וֶועגִי

אמשל ווען מען זאגט פיר אמענש דארט אויף יענעם ארט איז דא אגרויסער אוצר פין גאלד אין זילבער, אין טייערע בריליאנטען, נאר עס איז זייער שווער צו דעם צו איקימען, ווייל ביז אויף דעם ארט ברויך מען דורך גרויסע וואסערען אין וועלדער, וואס דארט געפינען זיך בייזע ווילדע חיות, אין רויבערס. אין דס לעבען איז איין גישטעלט אין עסין אין טרינקען קען מען דארט נישט באקימען, ווייל עס איז איין וויסטע מדבר, אין דער וועג ברויך דויערען זייער לאנג. אין אויך ווען ער קימט שאן אויף דעם ארט, ברויך ער ערשט געמען גרבען אין זיכען לאנגע יאהרען, פין דעסט וועגען ווייל דער מענש הט זייער ליב דס גאלד אין זילבער אין זיין גאנץ לעבין פארברינגט ער צו מעהרין זיין פארמעגין, דארך דעם איז בייא אים גאר נישט גירעכינט דיא גרויסע צרות, אין די שלעק פין די רויבערס, אין דעם הינגער ווס ער לייד יאהרען לאנג, אין גראבט אין דער ערד מיט זיין גאנצען כוח, אין קיקט ניכט ווס זיין קערפער ווירד צו ביסען, אין צו ריסען, פין די פילע שלעגג ווס געפינען זיך אין דער ערד, אין דס אלעס טוט ער מיט אפרייליך הארץ, ווייל ער ווייסט, אז זיין סוף וועט גוט זיין, ווייל ער וועט טרעפין דעם גרויסען אוצר, ווי וועט נאך זיין אזא גליקליכער מענש ווי ער. היצט קען מאן פארשטיין, ווען ער איז שאן איבער געקימין, אין ברענגט אהיים דס גרויסע פארמעגען, ווער קאן דס באשאצען

די גראָסע פרייד וואָס ער האָט, פֿון דעם וואָס ער האָט גיהאַט שכל אויס ציהאַלטען אַלע יסורים, און אַלע מענשן זאָגען צו אים, ווי וואָל אין לעכטיג איז דיר, היינט זעהן מיר, אַז עס איז דיר כדי געוועזין צו ליידען.

דאָס זעלביגע איז מיט אונז יודען, ווען דער אַללמעכטיגער באַשעפער, וועט זיך אויף אונז דערבאַרעמין, און וועט אונז צו זאַמנעמען, פֿון אַלע עקין פֿון דער וועלט, און וועט אונז פֿירען אַלע אין איינעם, אין אונזער היים קיין ירושלים און וועט אונז אויף בויען דאָס בית המקדש, און וועט אים קערין דיא כהנים צו זייער דינסט, און זייא וועלין מקריב זיין דיא הייליגע קרבנות, און דיא לוים וועלין זינגען זייער גיזאַנג, און אַלע באַשעפענישען יעדער לויט זיין מדריגה, וועט פאַרשטיין אַז גאָט ב"ה האָט אים באַשאפין, און ער גיוועלטיגט אויף דער גאַנצער וועלט, און וועלין שפירען אין זייערע הערצער, דאָס ליכטיגקייט פֿאַן הייליגען באַשעפער. דאָס קאָן קיינער נישט באַשאַצין, דיא גרויסע פרייד וואָס דאַמאָלט וועט זיין, און וויא טייער און חשוב דיא יודען וועלן זיין, און יענער צייט, אַז דיא פעלקער וועלין זיך מקנא זיין אין יודעשע קינדער, און וועלין זאָגען עס איז אייך כדי גיוועזין צו ליידען דיא אַלע צרות, און זייא וועלין באַדינען דיא יודען, וויא דער נביא זאָגט (ישעי' מ"ט) אַז השי"ת זאָגט צו יודען, און די קעניגען פֿון דיא פעלקער, וועלין זיין דיינע דערציערס, פֿון דיינע קינדער, און זייערע

האריבּטס, װעלין זיין דיינע זייגעריגס פין דיינע קינדער. מיט זייער פּנים װעלין זייא זיך ביקען צי דיר ביז צי דער ערד, אין דעם שטויב פין דיינע פיס װעלין זייא לעקין, אין די װעסט דאמאלט װיסען, דאס איך בין גאט, דס מיינע האפער װס האפען צי מיר װערין ניט פארשעמט װערין. אויך געפינען מיר, דס די יודען װעלין זיין דאמאלט, גרעסיר פין דיא מלאכים פין הימעל. װי עס שטייט אין פּסוק (בלק כעת יאמר ליעקב) זאגט רש״י. בלעם האט גיזאגט צי בלקי, עס װעט נאך זיין אזו אצייט װיא אצינד איז, װס אלי מענשין װעלין זעהן דיא ליבשאפט. װס הקב״ה האט ליב די יודען די יודען װעלין זיטצען פאר הקה״ב. אין װעלין לערנין תורה פין זיין מויל, אין די יודען װעלין זיין נעענטער צי הקב״ה. װיא דיא מלאכים, אין דיא מלאכים װעלין פרעגין, צי דיא יודען, װס האט הקב״ה אצינד געטאן.

# פרק ד׳

אויך לערנין מיר אין דער פסיקתא, אין דער צייט װס דער מלך משיח װעט קימען, אין װעט שטיין אויף דעם דאך פין בית המקדש, אין װעט מאכין הערין, פאר דיא יודען, עס איז געקימין דיא צייט, איר זאלט אויס גילייזט װערין, אין אז איר גלייבט מיר נישט, קיקט אין מיין ליכטיגקייט, װאס שיינט אויף אייך. (שנאמר קומי אור וגו׳) אין דאס ליכטיגקייט שיינט נאר אויף אייך אליין, (כי הנה וגו׳ ישעי ס׳) דען דס פינסטערניש װעט צו דעקין די ערד, אין

אײן גֶעפּיל װֶעט צי דֶעקִין דיא קִינִיגְרײכִין, פִין דיא פֶעלְקֶער אִין אוֹיף דִיר װֶעט שַײנִין גָאטֶס שְׁכִינָה. אִין זַיין כָּבוֹד װֶעט אַנְפְלֶעקְט, אִין גִיזֶען װֶערִין אוֹיף דִיר. אִין דֶער צַייט װֶעט הקב״ה מַאכִין שַׁאנִין, דֶעס לִיכְטִיגְקֵייט פִין מֶלֶך מָשִׁיחַ. אִין פִין דיא יוּדֶען, אִין אַלִי פֶעלְקִיר װֶעלִין גֵיין צִי דֶעם לִיכְטִיגְקֵייט פִין מָשִׁיחַ. אִין פִין דיא יוּדֶען (ושנא׳ והלכו גוים וגו׳ שם) אִין זֵייא װֶעלִין קִימִין לֶעקִין דיא עֶרד, פִין אִינְטֶער דיא פִיס פִין מֶלֶך הַמָּשִׁיחַ. (שנא׳ ועפר רגלך וגו׳) אִין זֵייא װֶעלִין קִימֶען אִין פַאלִין אוֹף זֵייעֶר פָּנִים פַאר מָשִׁיחַ. אִי פַאר דיא יוּדֶען, אִין װֶעלִין זִיךְ בֶעטִין, לָאמִיר זַיין פַאר דִיר אִין פַאר דיא יוּדֶען קְנֶעכְט, אִין יֶעדֶער יוּד װֶעט הָאבִין צְוֵייא טָויזֶענְט אִין אַכְט הוּנדֶערְט קְנֶעכְט, (שנאמ׳ זכרי״ה בימים ההם עי׳ רש״י)

**אוּנְזֶערֶע** הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבִּין גִילֶערִינְט דָס אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערִין, אַבְרָהָם יִצְחָק אִין יַעֲקֹב, זֶעגִין אָן גִיבְרֵייט אוֹיף צִי שְׁטֵיין אִין נִיסָן, אִין װֶעלִן זָאגִין צִו מָשִׁיחַ, אֶפְרַיִם מָשִׁיחַ צִדְקֵינִי הָאטְשׁ מִיר זֶעגֶען דַיינִי עֶלְטֶערִין, דָאךְ בִּיזְט דִי בֶעסִיר פַאן אוּנְז, װֵייל דִי הָאסְט גִילִיטִין, דִי זִינְד פִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אִין עֶס אִיז אוֹיף דִיר דָורְךְ גִיגַאנְגִין פִיל שְׁלֶעכְטְס, װָס עֶס אִיז נִישְׁט דָורךְ, נִישְׁט אוֹיף דִיא עֶרְשְׁטֶע מֶענְשִׁין, נִישְׁט אוֹיף דִיא שְׁפֶּעטִירִי, אִין דִיא בִּיזְט גִיוֶועִן אַגִישְׁפֶּעט אִין אַיין גִילֶעכְטִיר, צְוִישֶׁען דִי פֶעלְקֶער, װֶעגִין דִי יוּדֶען, אִין דִי בִּיזְט גִיזֶעסִין אִין דֶער

טינקיל אין פינסטער, אין דייגע אויגין האבין נישט געזעהן קיין ליכטיגקייט, דיין הויט איז אויף דיר צאם געשרימפין געווארין, אין דיין קערפיר איז געווארין טריקין, וויא אהאלץ, אין דיינע אויגין זענין טינקיל געווארין פין פאסטין, אין דיין כח איז געווארין טריקין וויא אשארבין, אין דס אליס איז וועגין דיא זינד פין אונזערע קינדער, פרעג מיר דיך, איז דיין ווילין דס אונזערע קינדער זאלין געניסען, פין דעם גוטען, וואס גאט ב"ה האט אויף זייא געשיקט, דען מיר קלערין, טאמער וועגין דעם גרויסין צער, וואס האסט געליטין וועגין זייא, אין דיא ביזט געוועזן איין געשפארט אין תפיסה דארך דעם ביזטי פין זיי בישט צי פרידען ענפערט משיח פאר זייא, הייליגע אבות פין דער חעלטי, דעס אליס וואס איך האב גיטון איז גיוועזן צי ליב אייך, אין אייערע קינדערי, דאמיט זייא זאלין קאנין געניסין, פין דעם גוטס וואס השי"ת וועט זייא געבין, אזו ענפערין איהם אונזערע הייליגע עלטערין, דיין געמיט זאל זיין מיט רוה אזו וויא דיא האסט בארוהיגט די גידאנקין פין דיין באשעפיר, אין פין אונז.

**האט** רבי שמעון בן פזי גיזאגט, אין דער צייט וועט הקב"ה אויף הייבין משיח'ן ביז צים הימעל, אין וועט אויף אים אויף שפרייטין פין דעם לויטערקייט פין זיין כבוד וועגין דיא פעלקיר. אין וועט זאגין צי משיח, אפרים משיח צדקי, טי מישפטן דיא פעלקיר, אין טי מיט זיי וויא דיין ווילין, דען וועט נישט מיין דערבארימקייט, וואס האבין זיך

גישטארקט אויף דיר, העטין זייא דיך גימאכט פארלוירין,
אין איין רגע וויא עס שטייט (ירמי' לא הבן יקיר לי וגו') צווייא
מאל וועל איך אים דערבארימין. איין מאל ווען ער איז
גיוועזן איין גישפארט אין תפיסה, דען יעדען טאג האבין זייא
אויף אים גיקריצט די ציין, געווינקען מיט זייערע אויגין
אין גישאקילט מיט זייערע קעפ, אין גירעט מיט דיא לעפצין,
(שנא' כל רואי וגו') אין איך וועל אים דער בארימין, ווען ער
וועט ארויס פין דער תפיסה, דען נישט נאר איין קעניגרייך
אדער צווייא, וועלין אויף אים קימען, זאנדערען הונדערט
פערציג קעניגרייכין, וועלין אים ארים רינגלין וועט אים דער
אייבערשטער זאגין אפרים משיח צדקי האב פאר זייא קיין
פארכט דען דיא אלי וועלין אוס שטרבין מיט אבלאז פין
דיינע לעפצין, (שנאמ' ישעי' יא וברוח שפתי) אין דער נאך,
וועט דער אייבערשטער מאכין פאר משיח־ן, זיבין חופות פין
גוטע שטיינער אין פעריל אין ברילליאנטין אין פין יעדער
חופה, וועט זיך ציען פיר טייכין ווין, אין מילך אין האניג,
אין ריינער באלזאם אייל, אין השי"ת וועט ארים נעמין אין
האלזין משיח־ן קעגין אלי צדיקים, אין וועט אים אריין
פירען אין דער חופה אריין, אין אלי צדיקים וועלין אים זעהן
אין דער אייבערשטער וועט זאגין פאר דיא צדיקים, משיח
האט נאך נישט גענימין קיין שכר, נישט אמאהל קעגין זיין
האלבין צער וואס ער הט גיליטין, איין זאך האב איך וואס איך
וועל אים געבין, ווס קיין שום באשעפיניש הט דס נישט

גִיזֶעהְן נִישְׁט אַמָאל דִיא נְבִיאִים׳ אִין דֶער צַייט וֶועט גָאט ב״ה רוּפֶען דֶעם וִוינְד פִין צָפוֹן זַייט אִין דֶעם וִוינְד פִין דָרוֹם זַייט׳ אִין וֶועט זֵייא זָאגֶען קֶערְט אוֹס אִין שְׁפְּרִיצְט אוֹף פַאר מַיין מָשִׁיחַ׳ מִיט אַלֵי גוּטֶע בְּשָׂמִים פִין גַן עֵדֶן׳ (שנא׳ עורו צפון וגו׳).

# פרק ה׳

טֵייעֶרֶע יוּדֶעשֶׁע קִינְדֶער׳ פִין דָא קָאן מִיר זֶעהְן׳ וִויא מֶען בְּרוֹיךְ זִיךְ הִיטֶען פִין צוּ זִינְדִיגִין׳ מִיר זֶעהְן דָא אִין דִי רֵייד פִין דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דָס אוּנְזֶער הֵיילֶגֶער מָשִׁיחַ וֶועגֶין גְרוֹס לִיבְּשַׁאפְט וָוס עֶר הָאט דָס יוּדֶעשֶׁע פָאלְק׳ אִין וִויל זֵייא פַארְגְרִינְגִירִין דִיא גְרוֹסֶע צָרוֹת׳ אִין יְסוּרִים׳ אִין דִיא גְרוֹסֶע פְּלָאג וָוס זֵייא מוּזֶען גֶעבִּיךְ לַיידֶען אִין דֶעם בִּיטֶערִין גָלוּת דוּרְךְ זֵייעֶרֶע זִינְד׳ אִיבֶּער דֶעם נֶעמְט עֶר אָוף זִיךְ צִי לַיידֶען יְסוּרִים פַאר זֵייעֶרֶע זִינְד עֶס זָאל זֵייא. גְרִינְגֶער זַיין אִין דֶעם שְׁוֶוערִין גָלוּת׳ אַזוֹ לַייד עֶר גֶעבִּיךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערִי יְסוּרִים, זַיין גוּף אִיז פִיל מִיט וִוינְדֶען, אִין בַּאלִין אִין שְׁוֶוערֶע קְרַאנְקְהֵייטִין׳ אַצִינְד מַיינֶע לִיבֶּע לֶעזֶער, קָאן מַאן פַארְשְׁטֵיין. אַז פַאר דֶעם אַליין בְּרוֹיךְ מֶען אָוךְ חֶשְׁבּוֹן גֶעבִּין׳ פַאר וָוס מִיהָאט גוֹרֵם גִיוֶועזִין זַאלְכִי יְסוּרִים פַאר אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען מָשִׁיחַ׳ אִיבֶּער דֶעם שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגֶע סְפָרִים דָס וָוען מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין אַטוֹיזֶענְט טוֹיזֶענְטִיל חֵלֶק פִין דֶעם גְרוֹסִין צַער פִין דֶער הֵיילִיגֶער שְׁכִינָה אִין

פֿין מָשִׁיחַ'ן הָעט מֶן זִיך גִיוואַלְגֶירט אָויף דֶער עֶרד, אוּן עֶס הָעט זִיך נִישְׁט גִיגְלִיסְט צוּ זִינְדִיגֶען. אוּן אויף דִי זִינְד וואָס מִיהָאט גִיזִינְדִיגְט, הָעט מֶען זִין גִיאַיילְט תְּשׁוּבָה צוּ טָאן, דֶען מִיט דֶער תְּשׁוּבָה וואָס אַייד טוּט. אַפִילוּ וֶוען עֶר טוּט אַקְרֶעכְץ אויף זַיינֶע זִינְד, אוּן עֶס טוּט אִים לַייד וואָס עֶר הָט זִיך בַּאנַארִישְׁט. דָאס אִיז אָויך זֶייעֶר חָשׁוּב בֵּייא הַשֵׁי"ת, אוּן טוּט מִיט דֶעם פַארְגְרִינְגֶערְן דֶעם צַעַר פֿוּן הֵיילִיגֶען מָשִׁיחַ.

**אָבֶּער** לֵיידִיר דֶער זִינְדִיגֶער מֶענְשׁ וואָס אִיז אָן גִיקְלֵייד מִיט אַיין קֶערְפִּיר פֿוּן לֵיים, אוּן זַיינֶע אָוגֶען זֶענֶען פַארְשְׁמִירְט אוּן פַארְבְּלֶענְדְט, דוּרְךְ דִי זִינְד. אִיבֶּער דֶעם פַארְשְׁטֵייט עֶר גָאר נִישְׁט, אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט מִיט זַיין הַארְץ, אִיבֶּער טֵייעֶרֶע בְּרוּדֶער לָאמִיר זִיךְ נָאר בַּארֶעכִינֶען, דָאס וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפִּיר וֶועט אָויף אוּנְז שַׁאנֶען אוּן וֶועט אוּנְז שִׁיקֶען דֶעם הֵיילִיגֶען מָשִׁיחַ. אוּן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט דַאמָאלְט פֿילל וֶוערִין מִיט וויסֶענְשַׁאפְט, אוּן יֶעדֶער וֶועט דֶעמָאלְט פַארְשְׁטֵיין, וויא וואַט עֶר הָאט גוֹרֵם גִיוֶוען מִיט זַיינֶע זִינְד, גְרוֹיס צַעַר פַאר דֶער הֵיילִיגֶער שְׁכִינָה, אוּן פַארִין הֵיילִיגֶען מָשִׁיחַ, אוּן גְרוֹיס צַעַר אוּן בּוּשָׁה, פַאר אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערִין, אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, אוי טֵייעֶרֶע בְּרוּדֶער מִיט וואָס אַפָּנִים וֶועל מִיר זִיךְ קָאנֶען וַוייזִין קֶעגֶען זֵייא. מֶען קָאן דָאךְ פַארְשְׁטֵיין וויא גְרוֹיס דִיא בּוּשָׁה וֶועט זַיין, וֶוען מֶען וֶועט פָארְלֵיינֶען פַאר יֶעדִין, זַיינֶע מַעֲשִׂים אוּן אַלִי זַיינֶע גִידַאנְקֶען, דֶען אַמֶענְשׁ קְלֶערְט פַארְשִׁידֶענֶע בֵּייזֶע גִידַאנְקֶען.

אין אנדערע שלעכטי גידאנקען, אין ווען ער זאלל וויסען דאס אמענש ווייסט פין דינע געדאנקען. העט ער איין געזונקען פאר גרויס שאנדי, יעדער ווייסט בא זיך אז דס איז אזוי, דער יצר הרע מאכט אבער פארגעסין דעם מענש, אז דער הייליגער בורא, ווייסט אלי גידאנקען, אין מיט איין קיק זעהט ער וואס טוט זיך אין הארצין, פין יעדין באשעפעניש. איבער דעם האבין אונזערע חכמים מתקן גיווען, ביים דאווינען, למען לא נבוש ולא נכשל לעולם ועד דס מיינט מען מיר בעטין, פין דעם איבערשטין ער זאל אונז העלפין, מיר זאלין זוכה זיין תשובה צו טון, פאר זיין הייליגין נאמען, אין מיר זאלין זיך אים קערין פין דיא שלעכטי מעשים, אין שלעכטי גידאנקען דס מיר זאלין נישט פארשעמט ווערין, אין יעדער יוד ברויך אויף דעם צי בעטין, דען מיר געפינין, אז דוד המלך ע"ה אויך אנדערי גרויסע לאט, האבין גיבעטין אויף דעם, וואס זאלין נאך זאגין מיר פראסטע מענשין. מיינע ליבע לעזיר בארעכינט אייך נאר וואס אגראסער פרייד עס וועט זיין ווען דער איבערשטער וועט אריין שיקען אלעבעדיגין גייסט אין דיא טויטע יודישע קערפיר אין זייא וועלין צוריק לעבעדיג ווערין אין וועלין אראס שפראצין פין דער ערד אזוי ווי דס גראז פין פעלד אין עס וועלין זיך צוריק קערין די קינדער צו זייערע עלטערין אין וועלין זיך אלע צאם טרעפין מיט גראס פרייד אין ירושלים אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועלין קימען די וואס זענין פארלארען גיווארין אין לאנד אשור

אין די וואס זענין פארשטויסען געווארין אין לאנד מצרים אין וועלין זיך ביקען צו הקב״ה אויף דעם היילינען בארג אין ירושלים וכו׳

## פרק ו׳.

אונזערי חכמים האבין געזאגט עס האט קיין צאל די יסורים וואס דער היילינער משיח לייד אין יעדען דור לאט די זינד פין דעם דור זאגט השי״ת אין דער צייט וועל איך אים באשאפין אנייא באשעפעניש אין וועט שאן ניכט ליידען קיין יסירים, די צעהן שבטים זענען פארטריבען געווארין אויף דריי ערטער איין טייל איז פארטריבען צום טאך סמבטיון איין טייל איז פאר טריבען פין יענער זייט דעם סמבטיון וואס עס איז אזוי וואט פין סמבטיון ביז צו זייא וויא פין ארץ ישראל צום סמבטיון אין איין טייל איז פארטריבען געווארין קיין ראבינה פין רבלתה אין זייא זענין דארט פאר זינקען געווארין דס מיינט דער פסוק לאמר (לאסורים צאו) השי״ת וועט זאגען פאר די יודען וואס זענין פאר טריבען צום סמבטיון גייט ארויס פין גלות (ולאשר בחשך הגלו) אין פאר דיא וואס זענין אין דער פינסטער פארטריבען דס מיינט מען די וואס זענין פין יענער זייט דעם סמבטיון אין פאר די וואס זענין אנגעזינקען אין רבלתה וועט השי״ת מאכין היילען אינטער דער ערד אין וועלין גייען אין די היילען ביז זייא וועלין אן קימען קיין ירושלים אינטער דעם בארג וואס הייסט הר הזתים אין דער אייבערשטער וועט זיך שטעלין אויף דעם בארג וועט ער זיך

שפּאַלטען אין זייא וועלין אַריף גיין (כמש"נ ועמדו רגליו ביום ההוא על הר הזתים וכו') אין דער באַרג וועט גישפּאַלטען ווערין פון דער העלפט פון מזרח זייט. אין מערב זייט, דס מיינט דער נביא (ישעי' מ"ט) אין זאגט צו דער שטאט ציון, אין די ציון וועסט דיר דאַמאלט טראַכטען אין דיין האַרצין, ווער האט מיר אויף גיצויגין די דאזיגע קינדער, אין איך בין דאך געוועזען פאַרוואַרפין פון זייא, איך בין גיוועזען אַליין, איך בין געוועזען איין פאַרטריבענע אין איין אָפּ קערירין פון אַלע מענשען דס אַלי האבין גיזאגט אויף מיר קערט אָפּ פון איר, אין ווער האט די דאזיגע קינדער מגדל געוועזן, נון איך בין דאך געבליבען אַליין, ווי זענין זייא די דאזיגע געוועזען ביז אַהער. אין נישט נאר די דאזיגע וועלין קימען נאר פון אלי ערטער ווי עס איז דא יודען, וועלין זייא זיך צאַם נעמין אין קימען, ווי דער נביא זאגט (שם) אַטייל וועלין קימען פון אוואַט לאַנד, אַטייל פון צפון זייט, אַטייל פון מערב זייט, אין די וואס זענען אין ווייטע ערטער אין אספּמיא, אין די פון לאַנד סינים, אין די קינדער פון יונדב בן רכב, גיווייטליך ווען איינער גייט אין וועג איז ער הינגעריג אין דאַרשטיג, אָבער די יודען וואס וועלין קימען פון ווייט וועלין נישט זיין הינגעריג אין דאַרשטיג, אין עס וועט זייא נישט שלאָגען די היץ אין די זין, נאך מער וועט השי"ת טון, ער וועט נידריק מאַכין די בערג פאַר זייא עס זאל זיין גראַדע וועגען, אין וויא עס איז אַטיף אָרט, וועט עס השי"ת אויף הייבען, אין מאַכען גראַדי,

ווי עס שטייט (ושמתי כל הרי לדרך כן) אין ווען די יודען וועלין זיך צאם קימען, וועט דער אייבערשטער זאגין פאר הימעל אין ערד פאר וואס שטייט איר, ווען יודעשע קינדער זענין גיוועזן טרויריג האט איר מיט זייא מיטגיטרויערט. (דכתיב שם ג׳ אלביש שמים קדרות וגו׳) אצינד אז די פרייד איז גיקימען, פרייט אייך מיט זייא. ווי עס שטייט אין פסוק (שם מט רנו שמים וגולי ארץ וגו׳).

# פרק ז׳

**אונזערע** הייליגע חכמים שרייבען אין (ילקוט), אז דער פסוק (פתחו שערים וגו׳ שומר אמונים) דאס איז טייטש, ווייל זייא זאגין אמן. דען וועגען איין אמן וואס די רשעים וועלין ענפערין פין גייהנום ארויס. אין דעם זכות וועלין זייא ארויס פין גיהנום, וואָרין דער באשעפער איז אן גיברייט צי זיטצין אין גן עדן. אין וועט זאגען אדרשה, אין אלי צדיקים וועלין זיטצען פאר אים. אין די גאנצע פמליא די מלאכים פין הימעל וועלין שטיין אויף זייערע פיס אין די זין אין די מזלות פין דער רעכטיר זייט פין הקב״ה, די לבנה אין די שטערן פין דער לינקער זייט, אין השי״ת ווירד דארשענין, די נייע תורה וואס ער איז אן גיברייט צי געבין דורך משיח־ן. אין ווי באלד דער אייבערשטער וועט פארטיג מאכען די דרשה, וועט זיך אויף שטעלין זרובבל בן שאלתיאל אויף זיינע פיס, אין וועט זאגען קדיש, אין זיין קול וועט זיך הערין פין אין

עֶק װעֶלט ביז אין אַנדערין עֶס װעֶלט. אין אלֶע מֶענשין פון דֶער װעלט װעלין נאך זאגֶען אָמֵן. אויך די רְשָׁעִים פין יִשְׂרָאֵל װָס זֶענין גִיבְּלִיבֶּען אין גֵיהִנוֹם, װעלין אוֹיך נאך זאגֶען אָמֵן פינים גֵיהִנוֹם אַרוֹיס. אין די װעלט װֶעט ציטערֶען, אין זייער קול װֶעט גֶיהֶערט װערין פַאר הקב״ה, אין עֶר װֶעט פְרֶעגֶען װָס איז דֶעס גרויסֶע קול. אין דֶער רַעש װָס איך הָאב גֶיהֶערט, װֶעלין די מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת זאגין רִיבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דָס זֶענין די רְשָׁעִים פין די יִשְׂרָאֵל, װָס זייא זֶענֶען גִיבְּלִיבֶּען אין גֵיהִנוֹם, זייא זָאגֶען נאך אָמֵן. אין זייא טוּעֶן אָויף זיך גֶערֶעכְט מַאכֶען דֶעם דִין אַזוֹי טוּעֶן זיך דֶער װֶעקִין דֶעס רַחְמָנוּת פין דֶערְבַּארִימְדִיקֶען בַּאשֶׁעפֶער. אין עֶר װֶעט זָאגִין װָס זָאל איך נאך זייא שְׁטְרָאפִין, זייא הָאבִין דָאך אַיינֶער הָרֶע גֶיהַאט, װָס הָאט זייא אָן גִירֶעט צוּ זִינְדִיגֶען, דֶעמָאלְט װֶעט השי״ת נֶעמֶען די שְׁלִיסֶעל פִין גֵיהִנוֹם. אין װֶעט זייא גֶעבִּין פַאר מַלְאָךְ מִיכָאֵל אין מַלְאָךְ גַבְרִיאֵל. קֶעגִין אַלֶע צַדִיקִים, אין װֶעט זייא זָאגֶען גֵייט מַאכְט אוֹיף די טוֹעֶרִין פִין גֵיהֶנוֹם, אין בְּרֶענְגְט אַרוֹיף דִיא רְשָׁעִים, אַזוֹ גֵייֶען בַּאלְד די מַלְאָכִים, אין װעלין אוֹיף עֶפִינִין אַכְט טוֹיזֶענְד טוֹעֶרִין פִין גֵיהֶנוֹם, אין יֶעדֶעס גֵיהִנוֹם איז דְרַייא הוּנְדֶערְט יָאהר גַאנְג די לֶענְג. אין די בְּרֵייט אוֹיך אַזוֹ, די גְרָאבּ איז טוֹיזֶענְד מַאל, די טִיף הוּנְדֶערְט מַאל. אין יֶעדֶער רָשָׁע װָס פַאלְט אַרֵיין, קֶען מֶער נִיכְט אַרוֹיס, אין די מַלְאָכִים מִיכָאֵל אין גַבְרִיאֵל װעלין אָן חַאפִּין יֶעדֶען אֵיינֶעם, אין װעלין

וייא ארויס ציען, זא ווי א מענש שטעלט אויף זיין חבר אין נעמט איהם ארויס מיט איין שטריק פין דעם גריב אזא שטייט אין תהלים (ויעלנו מבור שאון וגו׳), אין דער נאך וועלין מיכאל אין גבריאל אב וואשין דיא רשעים. אין זייא שמירען אין אויס היילען, פין די ווינדען פין גיהנום, אין וועלין זייא אן טין מיט שיינע קליידער, אין וועלין זייא ברענגען פאר השי״ת אין פאר אלע צדיקים, ווי עס שטייט אין פסוק (כהניך ילבשו צדק) דס מיינט מען די צדיקים פין די פעלקער. ווס זייא זענען כהנים דינער צי השי״ת אויף דער וועלט, צומבייששפיל אנטנינוס מיט זיינע חברים. וחסידיך מיינט מען די רשעים פין יודען ווס ווערין גירופען חסידים ווי עס שטייט (אספו לי חסידי), אין ווען זייא וועלין אראן גיין אין גן עדן וועלין מיכאל אין גבריאל צים ערשט אריין גייען. אין וועלין פרעגין השי״ת צי זייא זאלין אראן לאזין די רשעים, זאגט השי״ת צי זייא לאזען זייא אראן קימען זייא זאלען זעהן מיין כבוד, אין ווי א באלד זייא גייען אריין, פאלין זייא אויף זייער פנים. אין ביקען זיך אין לויבען אין דאנקען דעם באשעפיר, אין די רעכטע צדיקים ווס זיצין דארט פאר השי״ת. וועלין אים אויך לויבען פאר דעם, ווי עס שטייט (אך צדיקים יודו וגו׳ וירוממוהו בקהל עם וגו׳).

פין דא קאנין מיר ארויס לערנין ווי גרויס דער שכר, איז פין נאך זאגין אמן, דס וועגין איין אמן ווס די רשעים זאגין אין גהינום, וועלין זייא ארויס גיין פין דארט. אויך אויף דער

וועלט איז מען זוכה צו אלעם גוטין, אזו ווי מיר לערנין
אין דער גמרא שבת, רבי יושיע בן לוי זאגט, ווער
עס זאגט נאך אמן יהא שמי' רבה מברך מיט זיין
גאנצין כח, אפילו ווען עס איז אויף איהם נגזר געווארין ח״ו
אשלעכטי גזירה טוט מען דעם גזר דין צורייסען אין
פערניכטין, אין רבי חייא בר אבא זאגט פון וועגין רבי יוחנן
אפילו דער מענש האט חלילה איין פלעק פון עבודה זרה,
וואס דס איז די הארבסטי עבירה, אין דארך דעם זכות פון אמן
איז מען איהם מוחל, ריש לקיש זאגט, ווער עס זאגט נאך אמן
מיט גאר זיין כח, עפינט מען איהם די טויערן פון גן עדן, אין
דורך דעם וואס יודען זאגין אמן יהא שמי' רבה, דער מאנט
זיך דער אייבערשטער אין זייא, אין באדויערט זייא אין דעם
ביטערן גלות, ווי מיר לערנין אין דער גמרא ברכות, רבי
יוסי האט גיזאגט אמאל בין איך אריין גיגאנגין אין איין
וויסט הויז אין ירושלים, דארט צו דאווינין, איז גיקומין
אליהו הנביא ז״ל אין האט מיך גיווארט בא דער טיר כו',
אין זאגט מיר, וואס אקול האסטו גיהערט אין דעם הויז, האב
איך איהם גיזאגט, איך האב גיהערט אקול וואס ברימט ווי
אטויב, אין זאגט אוי וויי וואס איך האב חרוב גימאכט מיין
הויז, אין פאר ברענט מיין היכל, דס בית המקדש, אין איך
האב פארטריבין מיינע קינדער צווישען די פעלקער, האט
מיר אליה' הנביא ז״ל גיזאגט, איך שווער דיר, אז דרייא מאל
אין טאג זאגט דס קול אזוי, איז אויך ווען די יודען גייען אין

דִי שִׁילֶען, אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אִין זָאגֶען אָמֵן יְהֵא שְׁמֵי׳ רַבָּא, זָאגְט הַשִּׁי״ת וָואל דֶעם קֵייזֶער, וָוס מֶען לוֹבְּט אִים אַזוֹי, אִין זַיין הוֹיז. וֵוייא אִיז פַאר אַטָאטִין וָוס הָאט פַארְטְרִיבֶּין זַיינֶע קִינְדֶער צְווִישֶׁען דִי פֶעלְקֶער, אִין וֵוייא אִיז פַאר דִי קִינְדֶער וָוס זֶענִין פַארְטְרִיבֶּען גִיוָוארִין, פִין זֵייעֶר פָאטֶערְס טִישׁ. אִין מֶדְרֶשׁ תַּנְחוּמָא שְׁטֵייט וֶוער עֶס זָאגְט נָאךְ אָמֵן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז זוֹכֶה נָאךְ צִי זָאגִין אָמֵן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט אוֹיךְ.

טַייעֶרֶע יוּדֶעשִׁי בְּרִידֶער, בַּארֶעכִינְט אֵייךְ גוּט וָוס אַגְרוֹיסֶע זַאךְ דָס אִיז אַז מֶען אִיז גִיוָוארִינְט נָאךְ צוּ זָאגִין אָמֵן, אִין וָוס אַגְרָויסֶען נַחַת רוּחַ, מֶען אִיז גוֹרֵם פַאר הַשִּׁי״ת אִין פִין דֶעם קָאן מַאן פַרְשְׁטֵיין, ווִי גְרָאס דִי זִינְד אִיז, פִין דֶעם וָוס זָאגְט נִיכְט נָאך אָמֵן, דִי זִינְד פַארְלֶענְגֶערְט דָס גָלוּת ח״ו. אִין טָאמֶער וֶועט אִיר פְרֶעגֶען אַז דִי מִצְוָה אִיז יָא אַזוֹ גְרָאס, פַאר וָוס זֶעהֶן מִיר לֵיידֶער אַז אֲפִילוּ בַּייא עֶרְלִיכֶע יוּדֶען, אִיז דָס נֶעבִּיךְ אַזוֹ גְרִינְג צִי רֶעדִין בַּא דֶער הוֹיכֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אִין בַּאם לֵיינֶען, אִין בַּייא קַדִּישׁ זָאגִין דָס אִיז נֶעבִּיךְ אַרֵיין גֶעוָוארִין אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, דֶער תֵּירוּץ אִיז אָבֶּער, טַאקִין וֶועגִין דֶעם, וֵוייל דָאס אִיז אַזוֹ גְרָאס אִין דָס קָאן נֶעמְטִיר בְּרֶענְגֶען צִי דֶער גְאוּלָה, הָאט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אוֹיף דֶעם שְׁטַארְק פַארְלֵייגְט, אָבֶּער יֶעדֶער מֶענְשׁ בָּרוּךְ דֶעם צִים הַארְץ נֶעמֶין, אִין זָאל ווִיסֶען, וֶוען עֶר פַארְלִירְט אֵיין אָמֵן, ווִי גְלַייךְ עֶר הָאט פַארְלוֹרֶען אַטֵייעֶרֶען בְּרִילְיַאנְט.

# פרק ח׳

ליעבע טייערע ברידער הערט מיך אויס א מעשה, וואס איך וועל אייך דערציילען. עס איז אמאל געווען א יוד, וואס האט זיך איין גיזעצט איין איידעם. אין האט אים גיגעבען פיל נדן, דער איידעם איז גיזעסין אין גילערינט אלאנגע צייט, אין זיין שווער האט אים אויס געהאלטין, מיט אלע באדערפיניש, נאך דעם האט זיך זיין שווער באטראכט, וואס וועט זיין דער תכלית, דס ער וועט אלטאג עסין פין גרייטין אזוי זאגט ער צי זיין איידים, מיין קינד, די מיזט קלערין אויף איין צוועק די זאלסט דיר ערווערבין, אליין א פארמעגין פין דיין פארדינס, אצינד איז מיין ראטה, די זאלסט פארין איבערין ים, אין ווייטע לענדער איין קויפן סחורה, אין דארט האנדלין, דער יונגער מאן איז ריכטיג גיפארין, ער איז אהין גיקימין, האט ער אין גאנצין פארגעסין נאך וואס ער איז גיקימין, אין האט אן גיברינגט דס גאנצי געלד אין ווען ער האט זיך דער מאנט, אז ער ברויך אהיים פארין מיט דיא לעהרע הענד איז ער אזוי ארים גיגאנגין פארקלערט אויף דעם אינזעל פין דעם ים, האט ער דערזעהן שיינע שטיינדליך האט ער זיך גענימען עטליכע שטיינדליך אין טאש ארײן, אהיים צי טראגין דאמיט ער זאל האבין אדענק צייכין אז ער איז דא גיוועין, דען ער האט גימיינט אז דס איז פראסטע שטיינדליך, ווי ער איז אהיים גיקימין טרויריג אין דער ביטערט, אין זיין שווער פרעגט אים, וואס האסטו מיין קינד

איין געקויפט, איז ער געביד דערשראקין אין דערציילט, זיינע צרות, אין נעמט ארויס די שטיינדעליך, אין זאגט, דס האב איך גיברענגט פאר אדענק צייכין, ווי זיין שווער דער זעהט דס זאגט ער מיט גרוס פרייט, די האסט דאך זייער גוטע סחורה גיברענגט, דס איז דאך טייערי דימאנט שטיינער אין ברליאנטען, ווי דער יונגער מאן דער הערט דס, זא פאלט ער חלשות, אין שרייט אין וויינט, אין רייסט זיך די האר פין קאפ, אוי וויא, פין די שטיינדעליך איז דארט גאנצע הויפענס, איך האב גיקאנט ברענגין זעהר פיעל גאר אן צאהל אין דארך מיין קארצין פארשטאנד וואס איך האב ניכט געוויסט דס טייערקייט, פין די שטיינדליך, האב איך זא פיל גוטס פערלוירין.

דם משל איז, קעגין אמענש, דען מען שיקט אים אראפ פין הימעל, ער זאל דא אין דער וויטער מדינה עפיס איין קופין, מצות אין מעשים טובים, אין דער מענש פארגעסט גאר וואס ער איז גיקימין, אויף דער וועלט, איודי איז דאך אבער איוד, ער גייט אין שילי אין בית המדרש ארייני אין זאגט נאך איין אמן, א־יהא שמי רבה, א־ברכו, ער חאפט אפאר שטיינדליך, אבער דער זינדיגער שכל, טראגט אויס אז דס איז פראסטי שטיינדליך, אין אז די צייט קימט דס ער דארף אהיים גיין איבער הונדערט יאהר, אין ווערט גיוואר אז דס זענין ניכט קיין פראסטי שטיינדליך, זאנדערין טייערע פעריל אין בריליאנטען, אוי גיוואלט, הייבט ער אן צי שרייען

ווי בין איך גיוועהן מיט מיין נארישין שכל, אין מיין גאנצין לעבין; האב איך דאך גיקאנט חאפין, פין די שטיינדליך גאר אן צאהל, ווי גערין העט דער מענש גילאפין אין בית המדרש זאגין איין אמן אבער עס איז ליידער פארפאלין, דען נאך דעם טויט קאן מאן שאן קיין מצות טון איבער דעם ברויך זיך דער לעבידיגער מענש נעמען צום הארץ, אין זאל דאנקען השי"ת, וואס האט אים גיגעבין כח צי רעדען מיט דעם מויל, די הייליגע ווערטער דס איז אזא גרינגע מצוה וואס קאסט קיין געלד אין קיין כח, אין קיין צייט, וואס אתירץ קען מען ענפערין, פאר דעם הייליגען בורא, אז מען האט זיך פארגרינג גיהאלטין נאך צי זאגין אמן.

עס קימט זייער אפט פאר, בייא פיעל מענשין, דס ווען זייא זאגען אמן, זאגין זייא ניכט וויא עס גיהער צי זיין, צום ביישפיל, מען ברויך שטארק גיווארינט זיין מען זאל ניכט חאפין דעם אמן איידער דער בעל תפלה האט פארטיג גימאכט די ברכה, מען טאהר ניכט זאגין אמן, נאר ווען מען ווייסט וואס אברכה מיהאט גיזאגט, ווען ניכט הייסט דער אמן איתום, מען ברויך אכט געבין די אלף גיט ארוס זאגין מיט אקמץ, אויך די נון מען גוט ארוס זאגין, דער מענש מיינט אז די אלע זאכין זענין קלייניקייטין, אביר די גמרא זאגט זייער שארף אוף די אלי זאכין, זייער גרויסע שטראף אוף דער וועלט, עקסטער דעם שטראף פין יענער וועלט, איך וויל דס נישט זא וואהט ארויס שרייבין.

# פרק ט׳

אצינד מיינע ליבע לעזיר, אז איך האלט בא דעם שמיס׳ וועל איך שרייבין זייער אפארכטיגי מעשה, וואס איז גישען פאר אפאר הונדערט יאר. דס ווערט גברינגט אין ספר שם יעקב, עס איז גיוועזן אחסיד זייער אגראסער מאן, ער הט גיוואנט אין אקליין שטעטיל לעבין דער שטאט וויניציאה, פין ווען ער איז אלט גיווארין זיבין יאהר איז גישט דורך קיין חצות ער האט גיזאלט שלאפין. אין פין ווען ער איז אלט גיווארין צוועלף יאהר האט ער אייביג גידאווינט, אין גיבענטשט, אין ברכות גיזאגט, אין גילערינט, אלעס מיט גראס כוונה. נאר איין מאהל האט ער נישט גיהאט קיין כוונה ביים סוף פין ובא לציון. ווייל ער איז גיוועזין פאר טון, עס איז ביי אים דעמאלט גישטארבין אקינד פין פינף יאהר, אוף דער זינד האט ער זיך מצער גיוועזן אלי זיינע יאהרין, אין האט אין זיין גאנץ לעבין גיפאסט זיין גרוס צדקות אין היליגקייט, איז גאר נישט צו באשרייבין, ער איז אלט גיוועזן זיבין אין זיבציג יאהר ווען ער איז נפטר גיווארין, אין פיר יאהר נאך זיין פטירה איז ער גיקימען צו חלום, צו זיין חבר דער חסיד ר׳ גדלי׳, אין זאגט, מיין טייערער חבר, אוי וויי, איז מיר וואס איך האב אן גיברענגט מיינע יאהרין מיט נארישקייטין, ווי דער חסיד ר׳ גדלי׳ האט דס גיהערט, פאלט ער אוף זיין פנים. אין שרייט זייער אגראס ביטער גישרייא, ביז זיין ווייב אין קינדער האבין זיך אויף גיוועקט, אין אלי

שרייבן אין וויינען, טייערער הייליגער פאטער, וואס איז דאס דיין גיוויין זאגט ער וויא׳ דער חסיד ר׳ עזרא׳ וואס מיהאט גימיינט דאס זיין חלק וועט זיין אין גן עדן לעבין אונזערי הייליגי אבות׳ אין היינט שרייט ער אזו׳ ווס זאל מיר אונז זאגין׳ די גאנצי שטאט לייט זענין גיוועזן פארווינדער אוף דער מעשה׳ זייא האבין זיך אלע צאם גיגימין זאמט קינדער׳ אין זענין יעדען טאג גיגאנגין אוף דעם חסיד־ת קברי׳ אין בעטין אים, ער זאל זיך צי זייא באווייזין׳ אין זאל זייא זאגין ווס זיינע זינד זענין גיוועזן׳ נאך דרייסיג טאג איז ער גיקימין צי חלום׳ ווייטער צי ר׳ גדלי׳, אין דער צייטט אים מיט גרוס גיוויין׳ דאס איאהר נאך זיין פטירה האט מען אים געוויזין׳ ביים בית דין של מעלה, אלי זיינע גוטע מעשים ווס ער האט גיטון׳ אוך דאס ווס ער האט אמהל גישט מכוין גיוועזן בא ובא לציון׳ אין דורך דעם פאסטין האט מען מיר מוחל גיוועזן׳ אין דער נאך האט מען מיר גיהייסין אויף הייבין מיינע אויגען האב איך גיזען קליינע בלימעליך פליען ארים וויאפיל די שטערין פין הימעל׳ איז אוף מיר גיפאלין אגראסע שרעק׳ אין אציטער מיינע אלע גלידער האט גיווארפין׳ האב איך גיפרעגט ווס זענין די דאזיגע׳ האט מען מיר גיזאגט׳ דאס זענין די נקודות. ווס די האסט פארשעמט׳ בא דיין דאווינין אנשטאט א־שבא, האסטי גילייגט א־צירי, אין א־חיריק שטאטט אשוריק, אונד זא אוך אנדערי נקודות האסטי פארטוישט. אין דיא האסט פארפעלט פיל אותיות ווייל די

האָט ניכט אָב גיטיילט פֿין איין וואָרט צים אַנדערין, ווען עס קימט צווייא ווערטער. וואָס דאָס צווייטע הייבט זיך אָן מיט איין אות וואָס דעם ערשטי האָט זיך אויס גילאָזט, צים ביישפּיל עַל־לְבָבְךָ ווען מ׳חַטפּט דאָס צי זאַם, ווערט איין לַמֶד פאַרשלינגען זאָ דעסט גלייכען בא אַנדערי ווערטער, אין די אַלע אותיות אין נקודות פֿין אייביג אויס, וואָס די האָסט פֿאַרדאָרבין אַלי שטייען אין זענין מקטרג אויף דיר. אין פֿערלאַנגען מען זאָל דיך משפּטען פאַר דעם, וואָס די האָסט זייא פֿאַרשעמט. אין די האָסט זייא פֿאַרמיטען, דאָס זייא זאָלין זיין גיצייכינט אין דער אויבערשטער קרון. אין דער אייבערשטער פֿירט די וועלט מיט גירעכט, אַזוי איז דיין פּסק אַראָס, די זאָלסט אָרים גיין נַע וָנָד, טאָמער וועסטי פֿאַר רעכטין וואָס די האָסט פֿאַרדאָרבין, אין ווען ניכט דיינע גוטע מעשים, העט דיין משפּט זייער שווער גיוועזען. אַזוי האָט דער צָיילט דער חסיד ר׳ עזרה פאַר ר׳ גדליָ, אין די שטאָט לייט, האָבין דאָס גיהערט, האָבין זייא געשיקט נאָך אַמענש ר׳ משה חיים, ער האָט גיוואָנט פֿיפֿציג מאַל ווייט. ער האָט גיקאָנט גוט דקדיק, זייא האָבין אים געדינגען, ער זאָל זייא לערנין גוט אַרויס זאָגין די ווערטער, אין זייא האָבין זיך אַזוי איין געפֿירט זייערע קינדער אין קינדס קינדער, אין דעם זכות, איז זייער תפֿילה אָן גענימען גיוואָרין. עס האָט בא זייא אין שטאָט ניכט פּאַסירט קיין שום צרה, אין קיין שלעכטס, אין זייא האָבין גיהאַט פֿין אַלעם גוטען. השי״ת זאָל אונז אויך העלפֿין, מיר זאָלין זיך

קענען אזא פירען, אין וועט אוס הערין אונזער געבעט, מיר
זאלין שאן אוס גילייזט ווערין פין דעם ביטערן גלות.

## פרק י׳

**אציננד** מיינע ליבע לעזער, וועלין מיר שרייבין פין צוויא
מדות נאטירין, וואס די הענגין אייגע אין דער
אנדערע, דאס זענין די נאטיר פין צניעות, דאס הייסט צוריק
גיצויגין, אין איין גיהאלטין. דאס אנדערע איז די נאטיר פין
בושה, דאס מאן זאל זיך שעמען, די צוויא מדות צניעות אין
בושה זענין אגראסע הויפטזאך צום יודעשקייט, אונד דורך
דעם קען דער מענש קימען צי פיל גוטס מיר זעהן דאס איין
מענש שעמט זיך פאר איין גרעסירין פין זיך אין האלט זיך
געגין אים צוריק, פין פיל זאכין וואס אין דער פארבארגין טוט
ער דאס, איבער הויפט געגין אגראסין האר אדער אקעניג
שעמט ער זיך דאס מויל צי עפינין אונד די אויגין אויף צי
הייבין, אין דאס זעהן מיר אין מענטשליכין גייסט אויך, דען
די גאטונג בושה געפינין מיר אויך ביי די באפעלקערונג,
דען מיט דעם זענין אב גישייד מענטשין פין אנדערי
באשעפינישין דאס די אנדערע באשעפינישן האבין נישט קיין
בושה, ווייל זייא האבין נישט קיין פארשטאנד.

**עס** איז אביר פארהאנדין אבושה צי שעמין זיך פאר דעם
באשעפיר, אין נישט ווידער שפעניגין געגען אים די
בושה האבין נישט די באפלקערונג ווייל זייא גלייבין נישט
אז גאט ב״ה זעהט אליס. אביר דאס הייליגי פאלק ישראל איז

באצייכינט מיט דער מדה פון בושה צו שעמען זיך פאר דעם הייליגען בורא, איבער צו טרעטין זיין באפעל אין זיינע גיבאט דען זייא זענין קינדער פון די הייליגי עלטערין אברהם יצחק און יעקב וואס זייא האבין אונז איבער גילאזט די הייליגי אמונה, און מיר גלייבין אז גאט איז דער האר פאן דער גאנציר וועלט, און פאר אים איז קיין פארבארגין קייט נישט דא, אזו ווי עס שטייט און פסוק ווען אמענש זאל זיך באהאלטין אין פארבארגיני פלעצער, און טון בייז, וועל איך איד אים דען נישט זעהן, אזו זאגט גאט ב"ה, קימט אויס דס דורך דער גוטער מידה פון בושה האלט זיך דער יוד צוריק פון צו זינדיגין, דער ערשטיר סימן פון איוד איז די מדה פון בושה, ווי די גמרא זאגט (יבמות ע"ט) דרייא סימנים האט דס יודעשע פאלק זייא האבין דיא מדה פון בושה, איז די מדה פון דער בארימקייט, און גוטס טון אייגער פאר דעם אנדערין אויך זאגט די גמרא (נדרים כ"ז) אז עס איז אגוטער סימן ווען אמענטש האט בושה ווער עס שעמט זיך, דער זינדיגט נישט אזו גיך, און ווער עס האט נישט קיין בושה, ווייסט מאן דס זיינע עלטערן זענין נישט גישטאנין אויף דעם בארג סיני ווען מיהאט גיגעבין די תורה, און אזו וויא דער שכר פון בושה איז זייער גרויס, אזו חלילה ווער עס איז איין עזות פנים אים פארשעמט, איז זיין שטראף זייער גראס ח"ו, זייא זענין גורם פיל שלעכטץ ח"ו זייא פארלענגעדין דעם גלות, אזו וויא מיר לערנין אין דער גמרא (שבת קמ"ט) עולא זאגט

ירושלים איז נאר חרוב געווארין, נאר ווייל זייא האבין זיך
נישט געשעמט. איינער פאר דעם אנדערין, דען אזו שטייט
אין פסוק שעמט אייך, דען אימווירדיגעס האבין זייא געטון,
אבער זייא שעמען זיך ניט, אין זיי ווייסין זיך ניט צו שעמען
דרום וועלין זייא פאלין צווישען די רשעים. אין די צייט פון
זייער שטראף וועלין זייא געשטרויכילט ווערין, אזא זאגט גאט.
אין מסכת אבות לערנין מיר, ווער עס האט בושה קומט אין
גן עדן, איז עזות פנים פאלט אין גיהנום אין ווער
עס איז איין עזות פנים האט קיין תשובה, ווייל
זיין עזות לאזט אים נישט טון קיין תשובה אויך געפינין
מיר דס אונזערי חכמים טיען זייער שענדען דעם עזות פנים
אין דער גמרא (תענית ז') לערנין מיר. רב סלא זאגט, רעגין
ווערט נאר אויף געהאלטין וועגין די עזות פנימער, אוך זאגט
רב סלא ווער עס איז איין עזות פנים צום סוף וועט ער נכשל
ווערין מיט איין הארביר עבירה, רב נחמן ב"י זאגט עס איז
אסימן דס ער איז שאן נכשל געווארין אין איין עבירה, נאך
שטייט דארט. דס מען מעג אים רופען רשע. אין מען מעג
אים פיינט האבין, טייערע יודען! באַרעכינט אייך נאר גוט,
פון דעם אלים וואס מיר האבין דא געשריבין, קען מען
פארשטיין, ווי וואל איז דעם מענש וואס האט די מדה פון
בושה. אביר ליידיר! ליידיר! וואס קאנין מיר זאגין דס עס
איז אויף געשטאנין אנייע וועלט וואס דס עזות האט זיך אזוי
געשטארקט מען שעמט זיך נישט צו טון עפינטליך קיין
עבירות, מיר האלטין ליידיר אין אזא צייט דס דער גרעסטער

עַזוּת פָּנִים אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מְיוּחָס. אִין יֶעדֶער הָאט פַאר אִים דֶרֶך אֶרֶץ אִין יֶעדֶער רֶעשְׁפֶּעקְטִירְט אִים פַאר דִי פָּאר גְרַאצִיר וָוס עֶר הָאט. אִין דֶער צוּרִיק גֶעהַאלְטִינֶער פְּרוּמֶער מֶענְשׁ, דֶער אִיז פַאר גָאר נִישְׁט גִירֶעכִינְט. יֶעדֶער הַאלְט אִים פַאר אַנֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבִּין דָאס גִיזֶעהְן בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ, וָוס עֶס וֶועט זֵיין אִין דֶעם דוֹר אֵיידֶער מָשִׁיחַ וֶועט קִימֶען. וִוי מִיר גֶעפִינֶען אִין (זוה״ק) רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט מְגַלֶּה גִיוֶוען גְרָאסֶע סוֹדוֹת פַאר רַבִּי עֲקִיבָא, הָאט רַבִּי עֲקִיבָא גִיוֵויינְט פְּרֶעגְט אִים ר״א, עֲקִיבָא, פַאר וָוס וֵויינְסְט דִי. זָאגְט ר״ע וֵוייא אִיז פַאר דֶעם דוֹר וָוס וֶועלִין זֵיין דָארְשְׁטִיק פִין דִיר. זָאגְט אִים רַבִּי אֱלִיעֶזֶר, אַזָא זָאלְסְטִי זָאגִין. וֵויי אִיז פַר דֶעם דוֹר וָוס וֶועלִין זֵיין יְתוֹמִים. אָן אַטַאטֶע. אָן אַחָכָם. עֶס וֶועלִין קִימֶען אַזָאלְכֶע טֶעג. וָוס דָס גַאנְצֶי דוֹר וֶועלִין זֵיין חֲצוּפִים. אִין עַזוּת פָּנִימִיר אִין דִי תוֹרָה וֶועט פַארְגֶעסִין גֶעוִוין פִין דִי יוּדֶען אִין קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אִין בַּאגֶערִין. אִין דֶער וָוס וֶועט זִיך דֶערְוָועקִין זֵיין הַארְץ צִי דֶער תוֹרָה דֶער וֶועט זֵיין מְבוּזָה. וֵויי אִיז פַאר דֶעם דוֹר וֶוען דָס וֶועט קִימֶען, דָס דוֹר וֶועט נָאר הָאבִּין אַקִיוּם אִין זְכוּת פִין דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָוס לֶערְנִין תוֹרָה אֵיידֶער זֵייא זִינְדִיגֶען. אִין דֶער גְמָרָא סוֹטָה שְׁטֵייט אַז אִין דִי לֶעצְטֶע יָאהְרִין. אֵיידִיר מָשִׁיחַ וֶועט קִימֶען וֶועט זֵיין דָס חֲצִיפוּת אִין דָס עַזוּת זֵייעֶר גְרָאס. אִין דָס טֵייעֶרְקֵייט וֶועט זֵיין זֵייעֶר גְרָאס. דִי וַויין שְׁטַאק וֶועט גֶעבִּין

איר פראכט איז ווייז וועט זיין טייער, ווייל יעדער וועט טרינקען, (וכו') אין איינער וועט נישט שטראפין מוסר זאגין דעם אנדערין, דס הויז וויא די חכמים פלעגין זיך דארט פארזאמלין וועט מען דארט מזנה זיין מיט זונות. אין די שטעט וועלין חרוב ווערין, אין דס פלאטץ גבלן, וועט פאר וויסט ווערין אין די מענשין ווס וואנען בא די גרעניצין, אין איין פשט איז די סנהדרין, וועלין ארים גיין פין שטאט צי שטאט אין קיינער וועט זיך נישט דער ברימען אויף זייא. אין די חכמה פין די לומדים וועט זיין פר מיאוסת, אין די ווס האבין מורא פאר עבירות, וועלין זיין פר מיאוסת אין דער אמת וועט פעלין, אין דער ווס וועט אב קערין פין שלעכטין, וועלין אים די גאנצי וועלט האלטין פאר אנער. יונגע וועלין פארשעמין דס פנים פין די אלטע, אלטע וועלין זיך אויף שטעלין פאר יונגע, דער זון וועט פר מיאוסן דעם פאטער, די טאכטער וועט אויף שטיין מיט עזות פנים קעגין דער מוטער, די שניר וועט זיין מיט עזות פנים קעגין דער שוויגער, די שונאים פין מענשין וועלין זיין זיינע אייגענע שטוב מענשין, פני הדור כפני כלב, דס מיינט מען דס דור וועלין זיין ווי כלבים, ווס שעמין [illegible]ך נישט איינער פארין אנדערין, נאך אפשט די גראסי לייט פין דעם דור וועלין זיין גירעכינט ביי דעם פראסטין פאלק, ווי דס פנים פין אכלבי נאך אפשט, די רייכי מענשין וועלין זיין קארג אין אים דערבארימיג, זייא וועלין נישט וועלין געבין פאר קיין ארימאן, זא ווי אכלב ווס וויל נישט

געבּין פאַרין אַנדערין, דער זוּז וועט זיך נישט שעמין פון זיין פאָטער, און אויף וועמין האָבין מיר זיך אָן צו לעבין נאָר אויף אונזער פאָטער פון הימעל, אַצינד מיינע ליבע לעזער, וועט איר פרעגין. פאַר וואָס איז דאָס טאַקין אַזאַ, אַז אין דעם דור איידער משיח וועט קומען, זאָל אַזאַ ביטער עזות און חציפות געוועלטיגען, איך וועל אייך דאָס פאַר ענטפערין, די הייליגע ספרים שרייבין אַז יעדער מענש קאָן וויסען וואָס זיין הויפּט זאַך איז, וואָס ער ברויך פאַר רעכטין אויף דער וועלט. ווען ער זעהט דאָס אויף איין עבירה אָדער אַתאַוה פאַרלייגט זיך דער ייצר הרע אויף אים זייער שטאַרק, איז דאָס אַסימן אַז אויף דער זאַך ברויך ער זיך שטאַרק מוסר נפש זיין, און זיך נישט לאָזין, זאָ אויך אַללגעמיין אין יעדין דור שטאַרקט זיך דער ייצר הרע אויף איין זאַך, און פון דעם קאָן מען פאַרשטיין אַז וואָס דער עיקר איז צו פאַר רעכטין, אַצינד מיינע ליבע לעזער אַז מיר זעהן אַז אין אונזער דור איז אַלעס מקויים געוואָרין וואָס אונזערי חכמים האָבין געשריבען פון דעם קאָנין מיר פאַרשטיין, אַז די זאַכין זענין אונזער פליכט צו פאַר רעכטין, מיט גראָס מסירת נפש. עבין וויייל דער ייצר הרע פאַרלייגט זיך זאָ שטאַרק.

## פּרק י״א

מיר זעהן ליידער. דאָס גאָר אין יודעשע האַזער וואָס די עלטערן זענין שטרענג פרום. און זייער גאַנץ האָפּנונג איז געוועזין אויף צו ציהען עהרליכע יודעשי קינדער. און

זייא האפין זיך אנזעטצין, איידימער תלמידי חכמים אין ערליכע יודען, אבער ליידער עס פאלט נישט אזא אויס ווי זייא האבין זיך פאר גישטעלט, דען די קינדער הייבען אן עלטער צי ווערין, הייבין זייא זיך אן צי בארעכינין דס עס איז נישט קיין צוועק צי לעבין ווי זייערי עלטערין אלט פארצאטיש, אין מיט זייער קינדעשין שכל זיכען זייא נאך די גרעסטי לוקסוס מיט צי מאכין, אין דס קליידען, אויך אנדערי אויף פירונגען, זאלען זיין העכסט מאדערין, דאמיט זייא זאלין קאנין זייערי תאוות ערפילען

אין אז זייא וועלין נישט זיין העכסט מאדערין אין אויס געפידערט, אין בשמירט מיט פארשידענע טייערע שמעקידיגע איילין,

וועלין זייא נישט קאנין פארקערין מיט די אינטעליגענטי לייט, אין זייא וועלין נישט קאנין גיין אויף די בעללער, טאנץ שולען, טעאטער, מאזי, אין שפאציר גארטין, צירקוס, אונד דעסט גלייכען אין פארשידענע צוזאמענקונפטין זעלבסט פארשטענדליך אז צי די אלע זאכין ברויך מאן פיל געלד, אין אז די עלטערן זענען רייך געבין זייא דס באלד נאך פאר זייערי קינדער, וועגין זייער ליבשאפט, אין אז די עלטערן זענין נישט רייך, רייסין די קינדער פין זייא די הויט אז דס מיז זיין, זא מוז דער פאטער אן ווענדין אלי מעגליכקייטען דען ער קאן שאן נישט פארנעמין דער טאכטערס גיוויין,

זעלבסט פארשטענדליך, אז פון די אלע זאכין באקומט די טאכטער אנדערי געפילען אין הייבט אן צו לעזין די ראמאנען אין אז עס איז נאך געבליבען אין איר עפיס אידעשיר פינקט, טהוען דאס די ביכער אבלעשין אין אויס רייסען, אין דאס הארץ ווערט נעביך אב געקערט פון יודעשקייט, גלייבט מיר אז די ביכער טיען אין גאנצין אויס שמאדין, אין אז עס קומט די צייט אשידוך צו טון, פרבירט זיך דער עהרליכער עפיס אידעשין שידוך צו ערגרייכין, דען די איינע האפענונג האט ער נאך אז זיא זאל קאנען בלייבין ביים יודעשקייט, אבער ליידיר זיין האפענונג איז אים זאנסט, זיא וויל נישט דעם וואס ער וויל, אין דעם וואס זיא וויל, וויל ער נישט, אזא פירען זייא מחלוקתי אין די עלטערן באוויינין זיך זייערי יאהרען דאס זייער גאנצי פלאג איז געוועהן אים זאנסט, עס קומט נעביך זייער אפט פאר, דאס פון גאר יודעשי הייזיר לויפין אוועק די טעכטער אין מאכין

זיך אום גליקליך אויף אייביג, אין טוען פארביטערין דאס לעבין פון זייערי עלטערין, דאס נאך זייער פלאג ביז זייא האבין געזעהן דאס קינד אויף געוואקסען, אין האבין געהאפט צו זעהן נחת, אין אצינד נעמין זייא אן חרפות, אין שעמין זיך דאס פנים צו ווייזין, אויך זייערי זיידעס אין באבעס וואס זענין שאן אויף יענעם עולם שעמין זיך דארט, דאס איז גאר נישט צו פארשטיין ווי זא אידעשי טאכטער זאל זיך לאזין אזא פרפירען, ווייא אין ביטער איז נעביך פאר איעלכי

(*)

געפילען, השי"ת זאל אב היטען אלע יודעשי קינדער פין שלעכטי גידאנקען.

**איבער** דעם טייערי יודעשי קינדר, ווער עס וויל זעהן אמתדיק נחת, אין אגוטען צוועק ערייכין מיט זיינע קינדער, דער זאל זייא האלטין שטרענג פין ווען זייא זענין קליין, איבער הויפט אויף די נשים ליגט שטארק דער חוב צי האלטין זייערי קינדער אין צוים, אין זאלין די קינדר אויך ווען זייא זענין נאך קליין, פירען מיט צניעות קליידער מיט לאנגע ערמיל אין נישט קארץ, אין אויס גישניטען, דער הייליגער בעלזער רב ז"ל האט גישריבען דס קינדער אין די וויגען טוט מאן אויס שמאדין, דען זייא ווערין אזא אראן גיוואנט ווי מיר זעהן היינט, דס מיידליך פין זיבין—אכט יאהר וויסין שאן אלע מאדעס אין פאמפעס מיט צי מאכין, אין דס זענין שולדיג די עלטערין, ווס פאר ליבשאפט פין דעם קינד גוט מען אים נאך אלי שמאדשטיקען, די עלטערין דארפין וויסען דס מיט דעם זענין זייא די גרעסטי שונאים פאר די קינדער, עס זענין דא פיל לייט אויך תלמידי חכמים ווס געבין נישט אכט אויף זייערי קינדער, ער זיצט בא דער גמרא אין זיין טאכטער איז אין טאנץ שאל, טעאטער.

אין ווען זיא איז אין דער היים, ווען דער פאטער זיצט באם ספר זיצט זיא איבער ארמאן, אין אז עס טרעפט זיך דס יעמאנד האלט

אים עפיס פאר, שאקלט ער זיך. אפ אין זאגט, איך האב מיך שאן נישט אזאפיעל כח צו קריגען, ער מיינט מיט דעם וואס ער האט אפאר מאל געשטערט, מיט דעם איז ער שאן יוצא אין ווען איינער באליידיגט אים אין באריהרט זיין כבוד האט ער זיך כח צו קריגען אפילו אפאר יאהר.

# פרק יב

מיינע ליבע לעזער ביז אצינד האב איך געשריבען פון די עלטערן וואס ווילען די קינדער זאלען זיך פירען בצניעות, נאר זייא טוהען דס פאר נאך לעסיגען, נאר ליידער ליידער! איך מוז אייך באמערקען, דס עס איז שאן היינט זייער ווייניג מאמעס דא וואס זייא רעפלעקטירען זייערי קינדער זאלען גיין אן געטאן איין פאך, געגענטהייל זייא שפיגלען זיך אין זייערי קינדער ווען זייא טוען זיך אן מאדערן, וואס זאלען זאגען די קינדער אז זייערי מאמעס אליין זענען אויך נישט בעסער, דס איז ליידער שאן געווארען אגילעבטער, בא דער וועלט, דער וואס מאכט נישט מיט אלע מאדעס, דער הייסט פארנאטיש אלט פארצאטיש, אוי! ווי נעמט מען אהער די פארצאטישע וועלט, זייא האבען אסאך גרינגער געלעבט, זייא האבען נישט געוויסט פון אזאפיל צרות, פון אזאפיל קראנקהייטען, זייא האבען זיך נישט געמוסט איין שטעלין דס לעבין וועגען דער פרנסה, וויא היינט וואס די פרנסה קימט אזא ביטער שווער אן, אין ווי מען פארדינט אגראצירי, גייט ער אראן אין די תאוות אין לוקסוס, שיינע צימערין, שיינע

מעבלין, יעדער ווייסט בא זיך צי וויפיעל צרות די זאכין ברינגעז אים, אין מען לאזט זיך דאך פארנארין, צים סוף הייסט היינט די קליגע וועלט.

עס איז היינט ליידער יעדין טאג ארגער די לאגע, דס עס זענען דא יודען תלמידי חכמים ערליכע יודען, זאגאר חסידישע יודען, אין זייערי ווייבער מאכין מיט די גרעסטי לוקסוס, אין גייען מיט קארצע קליידער, אין דורך זיכטיג אין מיט דורך זיכטיגע שטרימפף, אין פערביגע, אין שיך פערביגע אין אויס געשניטענע העכסט מאדערין, ווער שמיסט אויף דעם קאפף פאסט שאן נישט צי גיין מיט אשפיציל, נאר מיט אזעלכי זאכין ווס זעהט אויס ווי האר, דער הייליגער סאנזער רב שרייבט אין זיין ספר אז מען טאר אין דעם נישט גיין, ער שרייבט אז דס איז נישט קיין צניעות, פאר אידעשער טאכטער, ווער שמיסט די ווס גייען אין בייא האר, איז אוודאי זייער זינד גראס, איבער הויפט די נשים ווס גייען מיט די אייגענע האר דיא איז זיך גורם פיל שלעכטץ, אין פאר איר מאן, אין עס קימט פאין איר ארויס קינדער, ווס לייקינין אין השי״ת, אין האלטין נישט קיין יודעשקייט, עס געפינט זיך היינט ליידער בא רבנישע הייזער, ווס ווערין געפירט העכסט מאדערין אויף מיט דעם קליידען אין די טעכטער זיטצען איבער די ביכער טאג אין נאכט, פודער מאנגעלט אויך נישט בא זייא, זייער זינד איז נאך

גרעסיר, וייל זייא זענין גורם אחילול השם אין יעדער
לערינט זיך פון זייא אפ.

טייערי יודעשי קינדער, ווען מיר וועלין די זאך גוט ערקלערין וועט איר זעהן דס די אלע צרות וואס יודען ליידין אין דעם שווערין ביטערין גלות איז אלץ נאר וועגין די לוקסוס טרייבין, דורך דעם איז מען אויף זייא בייז אין מען וויל זייא אן שלינגען, יעדער בא זיך אין הויז קען דס אויך זעהן, דס דורך די גרויסע פאמפעס גייט ער ציגרינד דען דס בני בית ווילען נישט וויסען אז דס גישעפט איז שוואך, אין זייערס מיז מאן נאך געבין אזוי מוז דער מאן ברעכין מוירען רויבען אין גזלענין, אין אז ער וויל האבין שלום בית, קאן ער נישט קיקען צו לעבט ער עהרליך צו נישט, נאר אין שטיב זאל נישט פעהלין, אזו מיז ער צאם חאפין אין לייען דא אין דארט אין ווי פיל ארים געלד ווערט נעביך אן געזינקען, יעדער יוד ברויך זיך בארעכינין, אז השי״ת העלפט אים ער פארדינט געלד, איז ער נישט בארעכטיגט דס צי פארמענדין אויף תאוות אין וואס זיין הארץ באגערט, ער מיז זיך בארעכינין וויפיל רייכע מענשין איז גיוועזן וואס האבין אלעס מיט געמאכט, אין היינט זענין זייא אויס געהינגערט אויף אשטיקעל ברויט, וויפיל ארימע לייט איז דא וואס זייערי גידערים זענין אנגעשרימפין פאר הונגער אין זייערי קינדער גייען נאקעט אין בארוויס אין פרירען איבער פארקעלט, וויפיל ארימע יודען פלאגען ביטער שווער אויף

דער פרנסה, אין עס באגיסט זייא ניט שווייס, ביז זייא זעהן עפיס פרדינסט, וויפיל בעלי בתישי מענשין ווס מוזען נעביך ארים גיין נע ונד, אין קיינער דערבארימט זיך נישט אויף זייא, וויפיל קראנקע יודען איז, ווס ליגען שאן נעביך אלאנגע צייט ל״ע מיט שווערי ביטערי יסורים אין האבין זיך נישט מיט ווס צו דער קוויקען דס הארץ, וויפיל ארימע יודשי טעכטיר אין יתומות איז דא, ווס ווערין נעביך אלט אין קאנין נישט חתונה האבין, וויפיל אלמנות אין יתומים איז דא, ווס זייער הארץ איז נעביך צו בראכין, אין קיקען ארויס עס זאל זיך יעמאנד אויף זייא דערבארימין, וויפיל יודען זענין נעביך אן גישפארט, אין זיין ווייב אין קינדער ווערין פרטריקענט פר צער אין פאר הינגער, ווער קאן אויס רעכינין וויפיל צרות אין גזירות אין קראנקהייטין די מאדעס זענין גורם. אין ווער קאן דס באשאצין די גרויסע יסורים ווס יודען ליידין אין אלע עקין פון דער וועלט. אין וויפיל טויזענטערס נפשות הייליגע יודען ווס זיטצען על התורה ועל העבודה אין ארץ ישראל, ווס קיקען ארויס מען זאל שיקען פון רבי מאיר בעל הנס פישקעס.

**אצינד** הארציגע ברודער ברויך זיך יעדער באטראכטין, טאמער האב איך אחלעק אין די יודשי צרות, טייערי ברודער! ווס איז מען דען פר זיכערט מיט דער וועלט ווייסט השי״ת ווס וועט נאך זיין, די גאנצי וועלט שאקילט זיך ווי א שיף אויף דעם שטארימדיקען ים, מעו קאן

נישט אַלעס שרייבען יעדער יוד ברויך שכל האבין אין פירען זיין הויז מיט צניעות, אין שטאטש די תאוות זאל ער מחי׳ זיין די ציבראכינע הערצער מיט דעם געלד אין זאל זיך פרייען ווען איין ארימאן קימט, אין דער זכות פין צדקה איז זייער גרויס, דס איז מקרב די גאולה, אין השי״ת וועט אים ארויס העלפין פין אלי נויטען.

# פרק יג

**אצינד** מיינע ליבע לעזער וועלין מיר שרייבין פין דער טייערער מדה פין בטחון דס הייסט מען זאל זיך פארזיכערין אין גאט ב״ה אזו וויא אקינד וואס זיין גאנץ האפינונג איז נאר אויף זיין פאטער אין מוטער ווייל ער ווייסט דס דארך דעם גרויסין ליבשאפט וואס זייא האבין צו אים וועלין זייא אים נישט פארלאזין אין אוועק ווארפין אין זייא וועלין אים געבין אלי זיינע באדערפעניש וואס אים פעלט אזו ברויך זיך יעדער יוד נעמין אין זיין הארץ אריין אין זאל זיך שטענדיג שטארקין מיט בטחון אויף אונזער הייליגין פאטער פין הימעל דען די גרויסע ליבשאפט וואס דער זיסער באשעפיר האט ליב יודען דס קען קיין מענש נישט באשאצין ער גיט אכט אויף זיין הייליגען פאלק אויף יעדען טריט אין פארזארגט זייא מיט אלי באדערפעניש אין זיין ווילין איז שטענדיג צו געבין גוטס פאר יודעשי קינדער אין וואס ער שטראפט אמאהל איוד מיט יסורים חלילה דס איז אויך פאר גרויס ליבשאפט ווי אטאטי וואס ציכט זיין קינד ער זאל גיין

אין גוטין וועג אדער ער שטראפט אים ער זאל אב קימען
זיינע זינד אויף דער וועלט׃

דער כח פין בטחון איז זייער גראס דער רבי ר' ברוך
פין מעזיביז ז"ל הט גיזאגט פאר דעם רעב"ן ר' מרדכי
פין לעכיוויטש קימט וועל איך אייך דערציילין וויא גרוס דער
כח פין בטחון איז עס איז גיוועזן איונגער מאן פין מיינע
חסידים וואס איך האב זייער שטארק ליב גיהאט אמאל איז ער
שטארק קראנק גיווארין אין דערצייט הט זיך גיטראפין איך
בין גיפארין אין דער שטאט וויא ער האט גיוואנט בין איך
צי אים גיגאנגין ווי איך האב גיזעהן דס עס איז זייער ביטער
האב איך אן גיווענט אלי מעגליכקייטין אין איך האב גיזעהן
אז עס איז נישט גוט האב איך מיר גישטארקט מיט בטחון
איך האב מיר פארלאזט אויף השי"ת אז ער וועט אים גיוויס
היילין אויב צוואר איך האב נישט געוויסט וויאזוא דען ער
איז שאן באלד טויט גיוועזן אין איך בין אהיים גיפארין דעם
אנדערין טאג האב איך גישיקט מיין גבאי אין מארק טאמער
וועט ער הערין עפיס נייעס איך בין שטארק נייגעריג גיוועזין
ער הט אבער קיינעם נישט גיטראפין דעם צווייטין טאג האט
ער אויך נישט גיטראפין אין דעם דריטין טאג הט ער גיטראפין
אסוחר אין פרעגט אים אוב עס נישט דא עפיס מענשין פין
יענער שטאט זאגט אים דער סוחר עס איז דא אפרוי פין
יענער שטאט זיא איז אין גאסטהויז איז דער גבאי גיגאנגין
צי איר אין פרעגט זיא אויף דעם יונגען מאן לאזט זיא ארוס

אביטער גישרייא אוי ווייַ נעכטין בין איך גיוועזין אויף זיין לויה אין דער גבאי קימט מיר דערציילין אירע ווערטיר האב איך גיזאגט וויא איז מיין ביטחון אוועק גיקימען דער סוחר מיט דער פרוי זענין זיכער נישט קיין מענשין נאר פין די אים רייגע אין זייא זענין מיך געקימען אביסיל אב קילין פין מיין בטחון אין זאג מיין גבאי ער זאל נאך אמאל גיין אין מארק פרעגין האט ער גיטראפין מענשין פין דער שטאט אין זאגין אים אז דער יונגער מענש איז שאן גענצליך גזונד פין דער מעשה קאן מאן זעהן ווי ווייט דער כח פין בטחון איז וואל איז דעם מענש וואס שטארקט זיך מיט בטחון דער וועט נישט פארשעמט ווערין נישט אויף דער וועלט אין נישט אויף יענער וועלט ווי די גמרא זאגט (מנחות) ווער עס טיט זיין האפענונג אויף השי"ת ווערט ער אים אבאשיצער אויף דער וועלט אין אויף יענער וועלט אין דער מדרש זאגט (פ' וירא) אז דס גן עדן וועט שרייען מען זאל אין איר אריין געבין די וואס האבין זיך פארזיכירט אויף גאט ב"ה.

אין יעדער יוד ברוך גלייבין אז אליס וואס ער האט עסין אין טרינקין אין קליידין אלעס גוט אים השי"ת נישט ער זאל זיך אנרעדין ווייל ער האט פלייסיג גיארבייט אין גישעפט האט ער זיך ערווארבין דעס פארמעגין דען אז השי"ת וויל העלפט ער בא ווייניג ארבייט אויך אין דס האט אונז גילערינט דער אייבערשטער ווען ער האט גיגעבין פאר די יודען דעם מן אין דער מדבר דער וואס האט ווייניגער

גיקליבין ווי אמעסטיל האט אלטץ גיהאט אפיל מעסטיל אין דער ווס האט גיקליבין מער ווי אמעסטיל איז דס ווערימיק אין פארדארבין גיווארין דס האט השי"ת גיטון צי לערנין זיין היילינ פאלק זייא זאלין וויסען אז די פרנסה הענגט גאר נישט אין די מענשענס הענד די גמרא זאגט (יומא ע"ג) די תלמידים האבין גיפרעגט רבי שמעון בן יוחאי"ן פאר ווס האט נישט געניידערט דער מן איין מאל אין יאהר האט ער זייא גיזאגט איך ועל אייך זאגין אמשל אהאר הט גיהאט אזין ער פלעגט אים געבין זיינע באדערפיניש אוף אמאל אוף אגאנץ יאהר אזוי איז ער געקימען איין מאל אין יאהר צים פאטער האט דער פאטער אים נור גיגעבין אוף איין טאג זיין באדערפעניש האט ער געמיזט קימען צי זיין פאטער יעדען טאג אזו אוך מיט די יודען ווער עס האט גיהאט פיר פיניף קינדער הט זיך גיזארגט טאמער וועט מארגין נישט נידערין דער מן ווען זייא אויס שטארבין פאר הינגער אזו האבין אלי יודען יעדען טאג געקיקט אין גיהאפט צי השי"ת, אין אזו לערנין די חכמים (מכילתא ל"ז) ווער עס הט באשאפין דעם טאג דער הט באשאפין זיין פרנסה הט רבי אליעזר גיזאגט ווער עס הט היינט צי עסין אין זאגט ווס וועל איך עסין מארגין דער איז פין די קליינע גלייבערס, אוך זאגין דארט די חכמים ווען ירמי' הנביא הט גיזאגט פאר די יודען פאר ווס לערינט איר נישט קיין תורה האבין זייא גיזאגט פין ווס וועט זיין אונזער פרנסה הט ער זייא געוויזין דעס פלעשיל

מָן וָוס משֶׁה רַבֵּינוּ הָט בַּאהַאלְטִין אִין זָאגְט צוּ זֵייא זֶעהְט איר אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערִין הָאבִּין גִילֶערִינְט תוֹרָה זֶענִין זֵייא גִישְׁפַּאזְט גִיוָוארִין פִין דֶעם מָן אַזוֹ אוֹיךְ אַז איר וֶועט לֶערְנִין תוֹרָה וֶועט אֵייךְ הַשֵׁי"ת שְׁפַּאזִין פִין דֶעם מָן׃

## פרק יד

דִּי הֵיילִיגֶע סְפָרִים שְׁרֵייבִּין אַז וִוי שְׁטַארְקִיר אַיוּד אִיז אִין דֶער אֱמוּנָה אִין בְּטָחוֹן זָא בְּרָויךְ עֶר זִיךְ וֵוייניגֶער פְּלָאגִין אוֹיף דֶער פַּרְנָסָה דִי פַּרְנָסָה לוֹיפְט אִים נָאךְ וִוי מִיר גֶעפִינִין ווינְדֶערְלִיכֶע זַאכִין אִין דֶער גְמָרָא אוֹך אִין אַנְדֶערֶע סְפָרִים וָוס עֶס אִיז גִיטָאן גִיוָוארִין פַאר דִי פַּארְצֵייטִישֶׁע יוּדֶען דוּרְךְ זֵייעֶר גְרוֹיסִין בִּיטָחוֹן דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט עֶס אִיז גִיוֶועזְן אַמֶענְשׁ וָוס עֶר הָט גִילֶערִינְט אַז פַאר יֶעדֶער הָאר הָט הַשֵׁי"ת בַּאשַׁאפִין אֵיין עֶקְסְטֶער גְרִיבִּיל אֵיין הָאר זָאל נִישְׁט בַּארִירִין דִי אַנְדֶערִי זָא אוֹיךְ הָט הַשֵׁי"ת פַאר יֶעדִין מֶענְשׁ בַּאשַׁאפִין זֵיין פַּרְנָסָה הָט אִים זֵיין וֵוייב גִיזָאגְט פַאר וָוס גֵייסְט דִי דֶעמָאלְט זוּכִין דֵיין פַּרְנָסָה זֶעצְ דִיךְ אַרָאפּ אִין דֶער בַּאשֶׁעפִיר וֶועט דִיר בַּאשֶׁערִין הָט עֶר זִי גִיפָאלְגְט אִין דֶער בַּאשֶׁעפִיר הָט אִים בַּאשֶׁערְט וִויא וָואל אִין לִיכְטִיג אִיז גִיוֶועזִין דִי פַּארְצַאטִישֶׁע יוּדֶען וָוס הָאבִּין גִילֶעבְּט מִיט גְרָאס אֱמוּנָה אִין בְּטָחוֹן אִין הַאבִּין גִיקָאנְט דִינֶען דֶעם הֵיילִיגִין בּוֹרֵא מִיט רֵיינֶע גִידַאנְקֶען אִין הָאבִּין זֵייעֶר לֶעבִּין פַארְבְּרִינְגְט מִיט פְרֵיילִיכֶע הֶערְצִיר.

**אָבֶער** לֵיידִיר הֵיינְט וָוס מִיר זֶעהְן דָס יֶעדֶער מִיז אַזוֹפִיל פְּלָאגִין וֶועגִין דֶעם שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט טָאג אִין נַאכְט

הָט מַאו לֵיידער קֵיין מְנוּחָה אִין דִי הֶערְצִיר זֶענִין שְׁטֶענְדִיג פַאַרזָארְגְט אִין בַּאַטְרִיבְּט דָס אִיז אַסִימָן לֵיידער אַז מִיר זֶענִין גִישְׁוַואכְט אִין דֶער אֱמוּנָה אִין בִּטָחוֹן דַארְפִין מִיר בֶּעטִין הַשֵׁי"ת עֶר זָאל אוּנְז שְׁטַארְקִין מִיט אֱמוּנָה אִין בִּטָחוֹן אוֹיךְ לֶערְנִין מִיר פִין דֶעם וָוס מִיר הָאבִּין פְּרִיר גִיבְּרֵינְגְט אַז גָאט בּ"ה וֶועגִין גְרָויס לִיבְּשַׁאפְט פִין זֵיינֶע קִינְדֶער וִויל עֶר זֵייא זָאלִין זִיךְ צִי אִים וֵוייזִין יֶעדִין טָאג דָס הֵייסְט מִיזָאל בֵּייא אִים בֶּעטִין דִי פַּרְנָסָה אִיבֶּער דֶעם בְּרִויד זִיךְ יֶעדֶער יוּד גִיוֵוייגִין אַז יֶעדֶע זַאךְ וָוס עֶר בְּרוֹיךְ זָאל עֶר בֶּעטִין בֵּייא הַשֵׁי"ת אֲפִילוּ אַקְלֵיינֶע זַאךְ וָוס עֶר קֶען דָס גְרִינְג הָאבִּין זָאל עֶר אוֹיךְ בֶּעטִין אִין וִויסִין אַז דָס הָט אִים הַשֵׁי"ת גִיגֶעבִּין דֶער רֶבִּי ר' פִּנְחָסִי"ל קָארִיצֶער ז"ל שְׁרֵייבְּט אַז מֶען קָאן גִישְׁט גֵיין נִישְׁט אַמָאל בִּיז צִי דֶער שְׁוֶועל אָן הַשֵׁי"ת הִילְף אִין אַז אַיִיד פִירְט זִיךְ אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט עֶר זִיךְ אָן גִיוֵוייגִין אִין דֶער אֱמוּנָה אִין בִּיטָחוֹן אִין גָאט בּ"ה וֶועט אוֹיף אִים הָאלְטִין זֵיין רֶעכְטִי הַאנְד אִין וֶועט אִים אַרוֹיס הֶעלְפִין פִין אַלִי זֵיינֶע נוֹיטִין אִין וֶועט אִים מַצִיל זֵיין פִין צָרוֹת אִין אַנְקִסֶען דֶעס סֵפֶר יְסוֹד יוֹסֵף שְׁרֵייבְּט אַזוֹי, דִי מֶענְשׁ ! דִי מֶענְשׁ ! שְׁטַארְק דִיךְ אִיבֶּער צִי בֶּעטִין דַיין בַּאשֶׁעפֶר דֶער גְרוֹיסִיר אִין שְׁטַארְקִיר פָארְכְטִיגֶער גָאט וָוס טוּט אַלִיס אוֹיף אֵיין מָאהל עֶר מַאכְט טוֹט אִין מַאכְט לֶעבֶּעדִיג, עֶר שְׁלָאגְט אִין הֵיילְט, עֶר מַאכְט אָרִים אִין מַאכְט רֵייךְ עֶר מַאכְט נִידֶרִיג אִין דֶער הֵייבְּט, עֶר מַאכְט הִינְגֶערִיג אִין מַאכְט זַאט, עֶר מַאכְט נִידֶערִין אִין גְרִיבּ אִין בְּרֶענְגְט אוֹיף,

ער מאכט איין זינקין אין טיפען וואסיר אין ברענגט אויף, ער שטראפט מיט פייער אין רעטיט פין פייער, ער ענפירט פאר די ווס ריפען אים, פאר איין אישה ווס זיצט אין שרייט איביר די ביטערי יסורים פין איר גיווינין, ער הערט אין ענפערט פאר די ווס פארין אויף דעם ים אין פאר די ווס גייען אין די מדבריות, איז פאר דיא ווס זענין געבינדין אין תפיסה מיט אייזערנע קייטין אין פאר דיא ווס מען ווארפט אריין אין אגריבי, ווס איז פיל מיט שלענג אין עקדישין, אין פאר דיא ווס ליגען אויף דעם ווייעדיגין בעט, אין פאר דעם ווס איז געקימין נאנט צים טויט אין זיינע קינדער רינגלין ארים דס בעט מיט געוויין אין אביטער געשרייא אין בעטין זיסער באשעפיר נעם אונז נישט צי אונזער טאטין, אין פאר דעם ווס לייד ווייטאג אין יסורים אין זאגט אז דער טויט איז אים ליבער וויא דס לעבין, אין פאר די ארימע לייט ווס ליידין הינגער אין דארשט אין זייער זעל איז פארטריקענט, אין דיא גידערים אנגעשרימפין פין גראס ענגשאפט, אין פאר די ארימע קינדער ווס זעהן פיל גוטע עסענווארק אין די הענט פין די רייכע קינדער אין זיפצין אין זייער הארץ צו גייט אין זייא, אין פאר דיא ווס זענין פארטריבין דורך אבלבול, אין פאר דיא ווס זענין גיחאפט אין צי געבינדין צי מיל שטיינער אן דערבארימקייט (וכו׳) אויף די אלי הערט דער טייערער באשעפיר, אין פארנעמט מיט דער בארימקייט זייער גישרייא ער זאל זייא שיקין אישועה.

# פרק טו

מיינע ליבע לעזיר אז מיר וועלין דיא זאך באַרעכינין, וועלין מיר זעהן, אַז אויף דער זיסער טייערע מדה פון ביטחון העננט די גאנצי תורה אין מצות מקיים זיין אין זיך היטין פון פיל עבירות צום בייאשפיל, דער מענש וואס שטאַרקט זיך זיין האַרץ מיט ביטחון, דער מאַכט זיך צייט יעדין טאג צו לערנין די הייליגי תורה אין אויך ווער עס קאן נישט לערנין, לערינט ער אין די ספרים וואס זענין געשריבין אויף יודעש, אין אַז דער מענש לערינט נישט, איז זיין נשמה אויס געהינגערט אין פארחלשת דער מענש איז מחוייב צו זעהן צו שפאזין די נשמה וויינינסטינס ווי ער שפאזט זיין גוף, ליידער ליידיר דער זינדיגער מענש, איז נעביך אין גאַנצין פארבלענוט מיט זיין נארישין שייכל אין פירט אָב זיין גאַנץ לעבין חאפינדיג, אין תכף ווי ער חאַפּט זיך אויף פון זיין שלאף, אין האט זיך נישט קיין צייט די הענד רעכט אָפ ציגיסין, אין זיך זיין גוף אויס ריינינין, חאַפּט טלית אין תפילין אין לויפט אין שול אריין, יא מנין, נישט מנין, אויך ווען דס מנין האלט בייא קריאת שמע גייט ער אויך אהיים גראד מיט איין אנדערין, דיא הויפט זאך ער זאל זיך שאן דער זעהן אָפ גידאווינט, דען דס איז אים אגראסיר עול אויף זיין קאפ, ווייל ער איילט זיך צום געשעפט, נאך דעם דאווינין נעמט ער זיך אין אכט, אַז ער האט זיך נישט גיהאט וואס צו איילין, פון דעסט וועגין דעם אנדערין טאג

טוט ער ווייטער דאס זעלבע, זא אויך ליידער, זענען פיל מענשען וואס באריהרען דעם היילינען שבת, אין האלטען אפין זייערע געשעפטען שבת. זייא זאגען אז שבת מוז מען אויך לעבען אין דאס אלעס ווייל זיי גלייבען נישט אין גאט ב"ה, אז ער באשערט איז דער וואכען אויף שבת אויך עס איז פון דעם פיל צו שרייבען, אויף איין אנדער פלאטץ וועלין מיר שאן שרייבען אי"ה וויא, ווייא אין ביטער איז, פאר דיא מענשען וואס באריהרען דעם טייערען היילינען שבת ח"ו אין ווי וואל אין לעכטיג איז, די מענשען וואס האלטען שבת דעסט גלייכען, בייא אמצוה, דער מענש וואס האט קיין בטחון קארגט זיין געלד צו קויפען אשיינעם אתרוג, אדער צדקה צו געבען אין ווען זיין יונגעל ווערט בעל מצוה, זיכט ער די בילליגסטע תפילין, אין אויב זייא זענען רעכט כשר צי נישט, דאס איז בא אים אנעבען זאך, קימט צו לערנען די קינדער, קארגט ער זיין געלד צו דינגען אגוטען מלמד.

**אויך** דורך דעם וואס מיהאט קיין ביטחון קימט מען צו פיל זינד, מען פארגינט נישט דעם אנדערין, ער זאל אויך קאנען לעבען, ער האט קיין מאל נישט גענוג, אלעס וואס ער זעהט ביי זיין חבר, דענקט ער אז דאס העט געדארפט זיין געהערין, אין דאס ברענגט פיל שנאה, מיט מחלוקת, דען ער גייט אלטש נאך ער זאל זיין חבר צוגרייכד לייגען, אין ער מיינט אז מיט דעם וואס ער וועט וויי טון פאר איוד, וועט אים שאן בעסער זיין, ניין ! ניין, טייערע ברודער, דאס איז

אפאלשי אויף פאסונג, איר מוזט וויסין, אז גאט ב"ה ווייסט פין אלים, ער קאן זיך איין עצה געבין מיט יעדען, מיקאן גאר נישט אויס רעכינין, אז דער וואס הט קיין אמונה אין בטחון וויפיל זינד אין שלעכטץ איז זיך גורם, ער פירט אב זיין גאנץ לעבין מיט צער אין יסורים, זיין הארץ איז שטענדיג באטריבט ער געפינט זיך קיין פלאטץ, אין קען זיך נישט ליידין, דעם אנדערין געוויס נישט, אבער דער וואס הט בטחון אין גלייבט, אז גאט ב"ה פירט די גאנצי וועלט אין דער מענש מיט זיינע שווינדלין קען זיין פארמעגין נישט פארגרעסירין דער גנבת אין גזלת נישט, ער האנדילט עהרליך, ער וועגט אין מעסט ערליך ער קאן באשטיין, איין אנדעריר זאל אויך קאנין עגזעסטירין, קיין ליידיס טוט ער געוויס נישט פאר דעם אנדערין ער שטייט, אויף אין דער פריה, איז דס ערסטי די הענט אפ גיסין, אין זיין גוף ריין מאכין, אין לערינט עפיס, אין זאגט אביסיל תהלים, אין דאווינט גיהעריג מיט מנין, אין האט געדילד דס לייבין אויס צו הערין, אין האלט דעם הייליגין שבת, ווי עס גיהער פאר איוד, אין קארגט נישט זיין געלד אויף אמצוה, אז איין ארימאן קימט צו אים פארדריסט אים נישט, אציגד קען יעדער פארשטיין, אז ווי וואל אין זיס איז פאר דעם מענש וואס שטארקט זיך מיט בטחון, ער לעבט אפ זיין לעבין גרינג, אן הארץ ווייטאג, מיט מנוחה אין האט צייט אין געדולד, זיך אן צו גרייטין אויף יענער וועלט אין עס וועט אים אייביג גוט זיין.

# פרק טז

די גמרא זאגט אין ברכות. אז דער יצר הרע רעד אן דעם מענש צו איין עבירה, אין ער קאן אים נישט ביי קימען, זאל ער זיך דערמאנין דעם טאג פין טויט, דען מיט דעם ווערט דער יצר הרע איינטר טעניג. דען אין דעם טאג ווערין אב געטון אלי תאוות. אביר די לייכטזיניגע מענשין, ווילען זיך נישט דער מאנין אין דעם ביטערין טאג, דס איז איין אורזאך, ווס זייא זיכען נאך זייערע תאוות צו פערפילען. אבער איוד ווס גלייבט אין השי"ת, אין וויל נישט ווידער שפעניגין זיין באפעל. נאר דער יצר הרע רעד אים אן צו זינדיגען, דער מיז זיך שטענדיג בארעכענין, ווס דער מענש איז, אין ווס זיין סוף איז. אין ער איז נישט געקימען אויף דער וועלט, נאר עסין אין טרינקען, אין אן גרייטין אסאך פלייש פאר די ווערים, צו עסין, חאטש וויפיל מיהאט אויף דער וועלט, נעמט מען נישט מיט אין קבר נאר די תכריכים אין פיל לייט זענין נעביך ווס האבין געהאט פיל פארמעגען, אין זענין נעביך גיהרגעט גיווארין אין וואלד, אדער דער־טראנקין גיווארין, אין האבין נישט אמאל צו קיין תכריכים זוכה גיוועז, די חכמים זאגין אין (אגדת קהלת) אפוקס איז אמאל געגאנגין לעבין אויין גארטען דער גארטין איז גיוועז ארים גיצוימט, נאר אלעכיל איז דארט גיוועז, האט ער געוואלט אריין גיין, הט ער נישט גיקאנט, הט ער גיפאסט דרייא טאג, ביז ער איז מאגער געווארען אזא הט ער גיקאנט

אַרַיין גֵיין דורךְ דֶעם קְלֵיינִים לֶעכֶעל, אִין הָאט זִיךְ אָן גִיגֶעסִין פֿוּן דִי פֵּירוֹת. אִין אִיז פֶעט גִיוָוארִין, הָט עֶר גִיוָואלְט אַרוֹיס פֿוּן דֶעם גָארְטֶען, הָאט עֶר ווידֶער גֶעמוּזְט פַאסְטִין דְרַייא טָאג. עֶר זָאל צוּרִיק מָאגִיר וֶוערִין. אַזוֹי הָט עֶר גִיקָאנְט אַרוֹיס גֵיין, אִין אִיז אַרוֹיס. אַזוֹ וִוי עֶר אִיז אַרַיין, שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ בַּא דֶעם גָארְטִין, אִיז זָאגְט צוּ אִים, גָארְטִין! גָארְטִין! וִוי גוּט בִּיסְטוּ, אִין וִוי גוּט אִין שֵׁיין, זֶענֶען דַיינֶע פֵּירוֹת אָבִיר וָוס אַנִיצִין הָט מֶען פֿוּן דִיר, אַזוֹ וִוי מֶען גֵייט אִין דִיר אַרַיין, אַזוֹ גֵייט מֶען צִירִיק אַרוֹיס, דָס מָשָׁל אִיז קֶעגִין דֶער וֶועלְט, דָס דֶער מֶענְשׁ וֶוערְט גֶעבָּארִין קְלֵיין אִין מָאגֶער, אִין הָארִיווִיט אָפּ זַיין לֶעבִין, בִּיז זַיין גוּף וֶוערְט גְרָוֹיס אִין פֶעט אִין וֶוען עֶס קִימְט דִי צַייט וָוס עֶר בְּרוֹיךְ זִיךְ גִיזֶעגִינִין מִיט דֶער וֶועלְט, אִין עֶס בַּאַפאלִין אִים דִי יְסוּרִים פֿוּן דִי קְרַאנְקְהַייטִין וֶוערְט עֶר צוּרִיק קְלֵיין אִין מָאגִיר.

דֶער שֵׁבֶט מוּסָר שְׁרַייבְּט. דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ בַּארֶעכִינִין וֶוען עֶס שְׁטַארְקְט זִיךְ אַבִּיסֶעל הִיץ פֿוּן דִי מִיגֵי קַדַּחַת וָוס קִימְט אָפְּט פָאר אוֹיף דִי לַייט, וֶוערְט שׁוֹין פַארְעֶנְדֶערְט זַיין פָּנִים, אִין זַיין גוּף וֶוערְט אָן גֶעבְּרִיגִין, (וכו׳) אִין זַיין בֶּעט וֶוערְט פַארְמִיאוּסְט, אִין עֶר וֶוערְט אַזֶא וִוי אַדֶערְשְׁלָאגִינֶער, מֶען פִילְט גָאר נִיט זַיינֶע רֵייד, אִין וֶוערְט וִוי אַשְׁטִיק לֵיים, קֵיין מֶענְשׁ קֶען אִים נִיט דֶער קֶענִין, אִיז עֶר טוּט זִיפְצִין פֿוּן דָארְשְׁטִיגְקֵייט פֿוּן דִי הִיץ, וָוס בְּרֶענְט אִין אִים, אִין זַיין קוֹל וֶוערְט נִיט גִיהֶערְט, חשז מסז נִיט

הערין זיינע רייד פין שלאפקייט׳ איז זיין אטום גייט זייער שטיל ביז די נשמה גייט פין אים ארויס מיט גרויס ווייטאג. אין אז זיין קרענק דוירט פיל טעג׳ זעט ער זיין בראד׳ אין זיין גוף ווערט אן געשרימפין׳ ביז זיינע ביינער ווערין ארויס גיזען גלייך ווי אסוטה׳ אין זיין גישטאלד ווערט פארענדערט אין זעט אויס ווי איין אף׳ אין אלי ווס זעהן אים דער קענין אים ניכט. אין אפילו זיין וויב אין קינדער ווס זענין מיט אים געוואנט גיווען לייקינען אין אים׳ אין זאגין דס איז ניט אונזער פאטער׳ אין זיין וויב קלאגט אין זאגט ווי געשריגען ער איז שאן נישטא׳ דען ער איז גלייך ווי אקינד אין הט שאן קיין גישטאלט נישט. אין ליגט אין בעט אין זיין הרגשה איז שאן בטל גיווארין ביז זייא ווערין פאר אומערט פין וועגין זיין לעבין׳ אין טוען תפלה ער זאל שאן שטארבין מען זאל אים שאן אויס רוימען פין דער שטוב. עס שטייט אין פרקי ר"א. אמענש הט דראי גוטע פריינד בא זיין לעבין׳ דיא קינדער׳ דס געלד׳ אין דיא מעשים טובים׳ בשעת ער גייט אוועק פין דער וועלט׳ ריפט ער אריין זיין וויב אין קינדער׳ אין זאגט צו זיי׳ איך בעט אייך זייט מיך מציל פין טויט. ענטפערין זייא אים. האסטו דען נישט גיהערט אז אין דעם טאג פינם טויט קאן קיינער נישט גיוועלטיגין. ריפט ער אריין זיין געלד׳ אין זאגט צו אים. געלד! געלד! אסאך האב איך מיך געפלאגט איבער דיר׳ טאג אין נאכט. בעט איך דיך זייא מיך מציל פין טויט. ענטפערט אים דס

געלד האסטו דען נישט געהערט, אז דס פארמעגין, ניצט נישט אין טאג פון צארין, ריפט ער ארויין זייני מעשים טובים, אין בעט זייא זייט מיך מציל פון טויט, זאגין זייא אים גיי לשלום האב קיין מורא, מיר גייען פאראויס קעגין דיר אין מיר וועלין דיך אפ היטין פון אלים שלעכטין.

# פרק יז

דער טאג פון טויט ווערט אן געריפין דער גראסער יום הדין, די שרעק איז זייער גראס, אין דעם טאג דער מענש זאל זיך פארשטעלין ווען ער גייט אין וועג, איבער הויפט בא נאכט אין אוואלד, אין עס באפאלין אים ווילדע חיות, אדער רויבערס, אין זעהט פאר זיך דעם טויט אין זיינע גידאנקין ווערין צו מישט, פאר גראס שרעק, איבער הויפט ווער קאן באשאצין די גראסע שרעק פונים מלאך המות, ווס די גמרא זאגט אין ע"ז, אז ער איז פיל מיט אויגין אין ווען דער מענש גייט אוועק שטייט ער בא דעם קראנקין צו קאפינס, אין זיין שווערד איז אויס גישטרעקט אין זיין האנד, אין אטראפ גאל הענגט אין איר, ווי באלד דער קראנקער זעהט אים ווערט ער דערציטערט, אין עפינט זיין מויל אין ווארפט אריין דעם טראפ פון דעם שטארבט ער, פון דעם ווערט ער פארשטינקען אין פון דעם ווערט זיין פנים גרין, ווידער זאגין די חכמים ווען אמענש שטארבט קימין צו אים איינער פון די מלאכי שרת, אין איינער פון די מלאכי מות אין איין שרייבער, אין איין גיזעצטיר, אין

זָאגְט צֵי אִים שְׁטֵייא אוֹיף דַיין צַייט אִיז גִיקִימֶען, זָאגְט דֶער עֶס אִיז נָאר נִישְׁט גֶעקִימֶען מֵיין צַייט. עֶפִינְט עֶר זֵיינֶע אוֹיגֶען אִין זֶעהט דֶעם מַלְאָךְ, עֶר אִיז גְרָאס פִין אֵיין עֶק וֶועלְט בִּיז אִין אַנְדֶערִין עֶק. אִין עֶר אִיז פִיל מִיט אוֹיגִין, אִין עֶר אִיז אִין גַאנְצִין לוֹיטֶער פַייעֶר. אוֹיךְ זָאגִין דִי חֲכָמִים אַז דֶער מַלְאָךְ פְרֶעגְט אִים הָאסְטִי גִילֶערִינְט תּוֹרָה, הָאסְטִי גִיטָון גְמִילַת חֲסָדִים הָאסְטִי דִיךְ בַּארָאטִין מִיט דַיין בַּאשֶׁעפִיר פְּרִי אִין נַאכְט. דָס הֵייסְט צוּ עֶר הָאט גִיזָאגְט קְרִיאַת שְׁמַע אִין גִידַאוִוינְט. הָאט עֶר אִין זִיךְ דִי זַאכִין, גֵייט אִים אַרוֹיס דִי נְשָׁמָה אָן צַעַר. אַזוֹי וִוי מֶען צִיעֶט אַרוֹיס אהאר פִין דֶער מִילְךְ, אִין אַז נִישְׁט, גֵייט אִים אַרוֹיס דִי נְשָׁמָה אַזוֹי וִוי מִישְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶערְנִיר וָוס זֶענִין אַנְגֶעהַאנְקִירְט מִיט וָואל. אוֹיךְ דִי הֵייליגֶע צַדִיקִים דִי תַּנָּאִים חָאטְשׁ זֵייא זֶענִין אַוַודַאי נִפְטַר גִיוָוארִין אָן צַעַר, דָאךְ הָאבִין זֵייא מוֹרָא גִיהַט פַאר דֶעם טוֹיט. וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט אִין מו״ק רַב נַחְמָן אִיז קְרַאנְק גִיוֶוען אִין רָבָא אִיז בַּא אִים גִיזֶעסִין, זָאגְט צוּ אִים רַב נַחְמָן דָס עֶר זָאל בֶּעטִין דֶעם מַלְאָךְ עֶר זָאל מִיךְ נִישְׁט מְצַעֵר זַיין הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט. אִיךְ וֶועל אִים בֶּעטִין נָאר אִיךְ בֶּעט אַייךְ, אִיר זָאלְט מִיר קִימֶען זָאגִין אוֹיבּ אִיר הָאט גִיהַאט צַעַר אִין רַב נַחְמָן הָאט זִיךְ רִיכְטִיג בַּאוִויזִין צִי רָבָא־ן אִין זָאגְט אִים, אִיךְ הָאבּ גָאר נִישְׁט גִיהַאט קֵיין צַעַר. פִין דֶעסְט וֶועגִין וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר זָאגִין, אִיר זָאל נָאךְ אַמָאהל אַרָאפּ גֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט. הֶעט אִיךְ נִישְׁט גִיוָואלְט וֶועגִין

פַּחַד פֿוּן מַלְאַךְ הַמָּוֶת, טָמִיר וֶועט עֶר מִיךְ נָאךְ אַמָאל טֵייטִין חָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גִיהַאט גָאר קֵיין צַעַר, אִין אַז דָער מֶענְשׁ וֶועט זִיךְ דָס אַלִיס בַּארֶעכִינִין, וֶועט עֶר זִיךְ צוּרִיק הַאלְטִין פֿוּן עֲבֵירוֹת. אִין וֶועט טָון מִצְוֹת אִין מַעֲשִׂים טוֹבִים, אִין וֶועט גֶעבִּין צְדָקָה מֶער פֿוּן זַיין כֹּחַ, דֶען מִיט דֶער צְדָקָה טוּט עֶר אָוִיס לֵייזִין זַיין נְשָׁמָה פֿוּן דִי בֵּייזֶע מַלְאָכִים, אִין וֶועט זִי רֶעטִין פֿוּן פִיל שְׁטְרָאף, אִין וֶוען אֵיין אָרִימַאן קִימְט צֵי אִים וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערִין אָוִיף אִים, נָאר אַדְרַבָּה, עֶר וֶועט אִים אָן נֶעמִין מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, דֶען דֶער אָרִימַאן טוּט דָאךְ אַגְרָאסֶע טוֹבָה, וָוס עֶר נֶעמְט בַּא אִים דִי צְדָקָה, הַיינְט לֵיידִיר, אִיז פַארְקֶערְט אַז מִיזֶעהְט אֵיין אָרִימַאן קְרִיצְט מֶען מִיט דִי צֵיין, וִוי גְלֵייךְ דֶער אָרִימַאן מַאכְט אִים אִימְגְלִיקְלִיךְ מִיגִיהֶער צֵי וִוסֶען אַז פֿוּן צְדָקָה גֶעבִּין אִיז נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט גֶעפַאלִין, אִין אִימְגְלִיקְלִיךְ גֶעוָוארִין מִיר זֶעהְן וֶוען אֵיינֶער אִיז אִין גִיפֶענְגְנִישׁ, גוּט עֶר פִיל גֶעלְד מֶען זָאל אִים וֵוייניגְסְטֶענְס פַארְגְרִינְגִירִין דִי פַּאן אִין דִי שְׁלֶעק אַזַא וֶוען דֶער מֶענְשׁ זָאל וִויסִין, דָס דוּרְךְ דֶער צְדָקָה אִיז עֶר זִיךְ מַצִיל פֿוּן פִיל צָרוֹת, אִין יִסוּרִים, הֶעט עֶר זִיךְ אַנְדֶערְשְׁט בַּגַאנְגִין קֶעגִין דִי אָרִימֶע לֵייט, דֶען יֶעדֶער טוּט נָאר פַּאר זִיךְ, מִיר גֶעפִינִין אִין דֶער גְמָרָא אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, זֵייעֶר פִיל וִוינְדֶערְלִיכֶע זַאכִין, וָוס דוּרְךְ צְדָקָה זֶענֶען מֶענְשִׁין גִירֶעטִיט גִיוָוארִין פֿוּן טוֹיט, אִין פֿוּן פִיל צָרוֹת, אִין פִיל לֵייט הָאבִּין זוֹכֶה גִיוֶוען צֵי עוֹלָם הַבָּא וֵוייל זֵייא הָאבִּין אַמַאל מְחַיֵּה גִיוֶועזִין אַיִד.

# פרק יח.

אַצִינְד מֵיינֶע לִיבֶּע לֶעזֶער, וֶועלִין מִיר שְׁרֵייבְּן אַבִּיסֶעל פוּן גְרֶעסְקֵייט פוּן דֶער מִצְוָה פוּן צְדָקָה, דִי גְמָרָא זָאגְט (סופר י"ז) אַז צְדָקָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע קָרְבָּנוֹת, אִין דֶער פְּסִיקְתָּא שְׁטֵייט גְדוֹלָה צְדָקָה דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אִיז גְרָאס, זִיא טְהוּט מַצִיל זַיין פוּן טוֹיט, אִין דֶער לֶענְגֶערְט דִי יָאהְרִין פוּן מֶענְשׁ, אִין בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְשׁ צוּ עוֹלָם הַבָּא, אִין דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, טְהוּט צִי אַיילִין דִי טֶעג פוּן מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד, אִין דִי טֶעג פוּן אוּנְזֶער אוֹיס לֵייזוּנְג, אִין צְדָקָה טהוּט אַרוֹיף בְּרֶענְגֶען דִי נְשָׁמָה אִין זֶעצְט זִיא אִינְטֶער דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד, אִין סֵפֶר אֵלִיָהוּ הַנָבִיא שְׁטֵייט, צְדָקָה אִיז אַזָא גְרָאס וָוס זֵייט דִי וֶועלְט אִיז בַּאַשַׁפִין גֶעוָארִין בִּיז אַצִינְד, שְׁטֵייט זִיא נָאר אוֹיף דֶער מִצְוָה פוּן צְדָקָה, אִין וֶוער עֶס גוּט פִיל צְדָקָה דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט, אִין טְהוּט זִיך רֶעטְטִין פוּן דִין פַּאן גֵיהֶנוֹם, אִין אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אַבְרָהָם יִצְחָק, אִין יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, אִין שְׁלֹמֹה זֶענֶען אַלִי נָאר גֶערִימְט גֶעוָארֶען מִיט צְדָקָה, אִין מֶדְרָשׁ תְּהִילִים שְׁטֵייט אַפִילוּ דִי רְשָׁעִים הָאבֶּען גִישְׁט נָאר דֶעם זְכוּת פוּן צְדָקָה וֶועלֶען זֵייא אוֹיך זוֹכֶה זַיין מְקַבֵּל צִי זַיין דֶעם פָּנִים פוּן דֶער שְׁכִינָה, אִין דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה קָאן זֵייא בְּרֶענְגֶען זֵייא זָאלֶען תְּשׁוּבָה טוּן, וויא דִי גְמָרָא זָאגְט (ב"ב) אַז דוּרְךְ גְמִילַת חֲסָדִים וֶוערְט דֶער יֵיצֶר הָרָע אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען אִין מֶענְשֶׁנְס הֶענְד אַרַאן, עֶר זָאל אִים קָאנֶען בֵּייא קִימֶען.

אויך זאגט די גמרא (ב״ב ט׳) רב אשי האט געזאגט אז די מיצוה פון צדקה וועגט קעגען אלע מיצוות, רבי אליעזר זאגט, ווען דס בית המקדש איז געשטאנען, האט אמענש געגעבען אשקל איז אים פר געבען געווארען זיינע זינד, אין אצינד אז מיר האבען נישט קיין בית המקדש, אז דער מענש איז זוכה גוט ער זיין בראט פאר אהונגעריגען אין אז ער איז נישט זוכה, קימען רויבערס אין בארויבען אים, זעהן מיר, דס אמענש שפארט זיך גאר נישט אן מיט דעם וואס ער קארגט אפ פון דעם ארעמאן, דען גאט ב״ה שאצט אפ וויפיל צדקה דער מענש מוז געבען לויט זיין פארמעגען אין לויט זיינע זינד אין אז דער מענש האלט דס איין פר זיך, באפאלין אים רויבערס, אז ער גוט נישט יעקב-ן גוט ער עשו-ן, טייערי ברודער, ווען מעזאל וויסען וויא טייער אין חשוב די מצוה פון צדקה איז וס אגראסין כח זיא האט, העט מען געלאפען זיכען ארעמע לייט מעזאל זייא געבען צדקה, מיר געפינען אין דער גמרא, אין מדרש, אין זוהר הקדוש, זייער וואנדערלעכע מעשיות וס דורך דער צדקה זענען מענשין גערעטעט געווארין פון טויט, אין פון פיל שלעכטץ. אויך געפינען מיר פיל לייט וס מיהאט זיי געפריבט מיט גראסע נסיונות אין דער מצוה פון צדקה, אין זייא האבין אויס געהאלטען, האט מען זייא פאר דעם געגעבען פיעל גוטס, אטייל האבען זוכה גיוועז צו האבען קינדער וס האבין פרשאנט די וועלט, ווי עס איז באקאנט דס דער

בַעל שֵם־ס פָּטֶער ז"ל אִיז גִיוֶוען אַגְרָאסֶער בַּעַל צְדָקָה, אִין פַּאר דֶעם הָט מֶען אִים מְכַבֵּד גִיוֶוען מִיט אָזָא הֵיילִיגֶען בַּעַל שֵׁם זַיין זְכוּת זָאל אוּנְז בַּייאשְׁטֵיין, אוֹיךְ וֶוען דִי יוּדֶען זֶענִין פַרְטְרִיבֶען גִיוָוארִין פִין שְׁפַּאנִיֶען אִיז גִיוֶוען אַזָקֵן וָוס הָט קֵיין קִינְדֶער נִישְׁט גִיהַאט. אִין בֶּעוֵוייל עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק מְקָרֵב גִיוֶוען דִי פַרְטְרִיבֶענֶע יוּדֶען הָאט עֶר זוֹכֶה גִיוֶוען צוּ הָאבִין דֶעם הֵיילִיגֶען רַבֵּינוּ אַבְרָהָם דַפִּיסָא. אִיבֶּערְהוֹיפְּט וֶוען דֶער אָרִימַאן אִיז אַתַּלְמִיד חָכָם, אִיז גָאר נִישְׁט צִי בַּאשְרֵייבִין אִין בַּאשַׁאצִין דָס פִיל גוּטְס וָוס אִיז אָן גִיבְּרֵייט, וָוער עֶס הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס, אִין דָס אַלִיס גוּטְס וָוס דִי נְבִיאִים הָאבִין נְבִיאוּת גִיזָאגְט, ווִי גוּט עֶס וֶועט זֵיין, דָס אִיז אָן גִיבְּרֵייט פַּר דִיא וָוס הֶעלְפִין דֶעם תַּלְמִיד חָכָם. אַצִינְד קָאן מַאן פַרְשְׁטֵיין אַז דֶער וָוס לָאזְט אַרוֹיס דֶעם אָרִימַאן אָן אַנְדָבָה, אָדֶער אֵיין אַנֶדעְרִי טוֹבָה וָוס עֶר פַרְלַאנְגְט, דֶער פַרְלִירְט פִיל גוּטְס, עֶקְסְטֶער בְּרוֹיךְ עֶר מוֹרָא הָאבִין עֶר זָאל חָלִילָה נִישְׁט גִישְׁטְרָאפְט ווֶערִין, ווִי דִי תּוֹרָה שְׁרֵייבְּט אַז דֶער אָרִימַאן וֶועט רִיפֶען צוּ גָאט דוּרְךְ דִיר, וֶועסְטִי הָאבִין אַזִינְד. דֶער מְדְרָשׁ זָאגְט אַז דֶער אָרִימַאן שְׁטֵייט בַּא דַיין טִיר, אִין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטִיר שְׁטֵייט בַּא זֵיין רֶעכְטֶי הַאנְד, אַז דִי גוּטְסְט פַּר דֶעם אָרִימַאן, וֶועט דִיךְ בֶּענְשִׁין דֶער וָוס שְׁטֵייט בַּא זֵיין רֶעכְטֶי הַאנְד, אִין אַז נִישְׁט, וֶועט עֶר דִיךְ חָלִילָה שְׁטְרָאפִין, אִיבֶּער דֶעם גִיהֶער מֶען מוֹרָא הָאבִין פַּר אֵיין אָרִימַאן, אִיבֶּערְהוֹיפְּט פַּאר אַתַּלְמִיד חָכָם, מֶען בְּרוֹיךְ צִיטֶערִין טָאמֶער

איז מען נישט יוצא קעגין אים' דער גראסער רבי ר' אהרן
קארלינער שרייבט מיגיהער מורא האבין פר איין ארימאן ווי
פר אשוערד. ליידיר! דס איז מען היינט מקיים' ווען מען
זעהט איין ארימאן פין ווייטין קימען, שרעקט מען זיך' איבער
הויפט ווען עס קימט אבעסיריר מענש' דס מיפארשטייט אז
מען וועט אים ברויכען געבין אשענערי נדבה, איז דא מענשין
וואס שרעקין זיך אזא שטארק. אז זייא באהאלטין זיך' אין
דס וייב לייקינט אים אפ אז ער איז נישט אין דער היים.
אוי! ווי אגראס רחמנות זענין די מענשין. דס איז אסימן' אז
זייא זענין נישט כדי מקבל פנים צי זיין די הייליגע שכינה
וואס קימט מיט. מיטען ארימאן. פר דעם מוזען זייא זיך
באהאלטין' מיר שמיסען נישט ווער עס האט נישט צי געבין
אביר נישט יעדער קאן זאגין איך האב נישט צי געבין' דס
טוט מען נאר אין הימעל אב שאצין' מיקאן דאך גאר נישט
זאגין' יודען געבין דאך זעהר פיל צדקה, איבערהויפט לויט
דער היינטיגער שווערער צייט אביר דער יצר הרע מאכט
דס הארץ שווער מיזאל דס נישט געבין מיטען גאנצין הארץ
אין די הייליגע ספרים שרייבין אז דער עיקר צדקה איז
מיזאל דס געבין גערין' דען אז מען גוט פאר איין ארימאן,
איז ווי גלייך מיהאט גיגעבין אמתנה פר גאט ב"ה' ווי די
הייליגע תורה שרייבט ואל ירע לבבך בתתך לו' דאן הארץ
זאל נישט וויא טון ווען די וועסט געבין דעם ארימאן' דען
דער יצר הרע פארלייגט זיך ווי אשטיין אויף דעם הארץ

אין לאזט נישט געבין קיין צדקה, וויניגסטענס פועלת ער
ביים מענש ער זאל דס נישט געבין מיט זיין ווילען, אין ער
פארבלענזט דעם מענטשינס אויגען, עס זאל זיך אים דאכטין
אז די צדקה וועט אים אויס פעהלין, איבער דעם וען עס
קימט איין ארימאן איז ער ברוגז אין גיט אים די נדבה
צארינדיג אין פיל מאל ווייל ער איז גירעגט אין גישעפט גיסט
ער אויס זיין צארין אויף דעם ארימאן אין פארשעמט אים,
אין זיין בליט ווערט נעביך אין אים פארגליווערט, איבערהויפט
וען עס קימט איין איידעלער מענש, אתלמיד חכם, אין מען
באליידיגט אים, איז געוויס די זינד זייער גראס, אויך זענען
פארהאנדין פיל מענשין וס וען עס גייען צווייא מענשין
צי זאם נעמין געלד, שרייען זייא פר וס זייא באלעסטיגען די
בעלי בתים, אין דורך דעם האלטין זיך פיל מענשין צוריק
אטובה צו טון איוד, דס איז די מדה פין סדום וס זייא ווילען
איין אנדעריר זאל אויך נישט געבין, אין דס שטייט אין
היילגע ספרים אז די זינד איז זייער גראס וועט עס האלט
צוריק זיין חבר פין אמצוה איבער דעם ברויך זיך דער
מענש באטרעכינען אז איך גיב שאן די נדבה פאר וס זאל
איך דס נישט געבין מיט גאר מיין ווילין דס זאל זיין אנחת
רוח פארין באשעפיר, אויך ברויך דער מענש דענקין אז
השי"ת האט אים צו געשיקט דעם ארימאן דס ער זאל זיך
אויף אים דער בארימען, אין דורך דעם וועט דער מענש
אויף זיך דער וועקין דס רחמנות פין באשעפיר, ווי מיר

לערנין אין מדרש תנחומא. איך העט געוואלט מיינען דש ווען מען גיבט אפרוטה פר איין ארימאן, באצאלט איהם גאט ב"ה אפרוטה, ניין! נאר גאט ב"ה זאגט דס נפש פין דעם ארימאן האט זיך גיווארפין ארויס צו גיין פר הינגער. אין די האסט איהם גיגעבין אפרוטה אין האסטי איהם דערהאלטען בייא לעבין, איך שווער דיר אז איך וועל דיר אב געבין איין אנדער נפש. דען מארגין וועט דיין זון אדער אטאכטער, קימען צו אקראנקהייט חלילה, אדער חלילה צום טויט, וועל איך זייא גידענקין די מצות, וואס די האסט געטאן מיט דעם ארימאן, אין איך וועל זייא מציל זיין פין דעם טויט, אצינד קאן מען פרשטיין, אז אמאל קאן ארויס קימען דס דער מענש טהוט זיך אליין חתמענין דעם גזר דין, דען השי"ת האט איהם צו געשיקט, אמצוה ער זאל זיך דערבארימען אויף איוד. אין מיט דעם העט ער צוריסען דעם גזר דין פין זיין קינד, אין נישט גענוג ער האט דעם איוד נישט פרהיילט זיין צבראכין הארץ, האט ער איהם נאך באליידיגט, אין אן געשריגען, וואס ער וויל פין איהם האבין! איבער דעם דארף זיך יעדער איוד גיוויינען אז איוד פרלאנגט בא איהם עפיס אטובה. אפילו ווען ער קאן איבערהויפט נישט ערפילען זיין פארלאנג, זאל ער חאטש עפיס טון וואס איהם מעגליך איז, אין זאל דעם איוד נישט ארויס לאזין מיט די ליידיגע הענד, דען אמענש ווייסט נישט וואס עס טהוט זיך אין הימעל. וויפיל מקטריגים שטייען אויף איהם איין צישלינגען, אין פין די מצות ווערין באשאפין גוטע מליצים. אין מען צורייסט פין איהם אלע שלעכטע גזירות אמן.